פערלאַג „ווארשאווער אידישער טעאטר" א. ג. קאמפאניעץ.

№ 2

צְוֵייטֶער הָמָן

הערר א. קאַמפאַניעץ אין דער ראָליע פון שואליקין אין 4 פאָזעס

HARVARD UNIVERSITY LIBRARY

490

דרוקערײַ פון נ. סטאַראָוואָלסקי, וואַרשא, נעגנשא 18.

1908

קאַטאַלאָג

פערלאג
„וואַרשעווער־יודישער־טעאטער"
ул. Мурановская № 38, פֿון א. ג. קאָמפּאַניעץ
Телефонъ № 104-77.

אויסער דראַמען, פּיעסען, מעלאָדראַמען און אָפּערעטען געדרוקטע און געשריבענע איז אויך צובעקומען אין מיין פערלאַג פֿון די זעלבע טעאַטער־שטיק צענזורירטע עקזעמפּליאַרען. (ערלויבט פֿון פּעטערבורגער צענזור צום אויפֿפֿיהרען אויף דער אידישער ביהנע אין רוסלאַנד). נאָטען פֿאַר'ן גאַנצען אָרקעסטער און כאָר. דעליטאַנטען קענען בעקומען אויך פּראָקאַט קאָסטיומען און פּאַריקען. בעשטעלונגען ווערען זאָפאָרט אויסגעפֿאָלגט נאָך זעהר געמעסיגטע פּרייזען. די פּרייזען אויף די „צענזורקעס" און נאָטען ווערען גערעכענט נאָך דער ווערט פֿון טעאַטער־שטיק.

די פּיעסען וואָס פֿערפֿערטיגען זיך צום דרוקען זענען בעצייכענט מיט אַ שטערענדעל.

גאָלדפאַדען

שולמית
בר כוכבא
אַחשורוש
כישוף־מאַכערין
קוני־לעמיל
ברײַנדעלע קאָזאַק *
דאָקטאָר יאָזעלמאַן
„ אַלמאַסאַדאָ
לא תחמד
עקדת יצחק
באַנקיר־טיראַן
ני בע, ני מע, ני קוקורעקו *
קבצנזאָהן און הונגערמאַן
דוואָסי די ספּלעטניצע *
טאָדרעס בלוז (דוי)
שמענדריק
באָבע מיט דעם אייניקעל
קרחס אוצרות
יהודית ואלפרניות
שפּאַנישע אינקוויזיציע

גאָרדין

גאָט, מענש און טייפֿעל
חאַשע די יתומה
מירעלע אֶפֿרת
ווילדער מענש
געבּרידער לוריע
דבורה מיוחסת

פערלאג „ווארשעווער אידישער טעאטער״.
א. ג. קאָמפּאַניעעץ:

צווייטער המן

היסטארישע אָפּערעטע אין 5 אַקטען

פון
שיקעוויטש.

ווארשא. תרס״ז.
דרוק י. עדעלשטיין, נאלעווקי 38 №.

ЦВЕЙТЕРЪ ГОМОНЪ
соч. Шайкевича

Тип. I. Эдельштейна и К-о,. Варшава, Налевки 38.

פְּעֶרְזָאנֶען

סטעפאן באטאריע	קעניג פון פוילען
בראגינא	זיין פרוי
יעפים־קלעמאנס	מיניסטער
אסיפ	זיין פאָטער
ליובעצקי	גראף
קריווינסקי	קאפיטאן
ר׳ אביגדור	רב
חנה	זיין פרוי
רחל	זייער טאָכטער
יעקב	איהר חתן
שואל, שיינדיל	דינער ביים רב
מארטא	הויז־בעזאָרגערין
יעקים	קאסטעלאן

יודען, פריסטער, כאָר . א. ז. וו.

ערשטער אַקט.

(פֿאָרערציִמער בײַ קלעמאַנסען אין הויז, רעכטס אַ טיש מיט שטוהלען.)

קאהר. (אונטער די קוליסען)

אל שדי גרוים ביסטו אין כאלהינו
אל שדי גרוים ביסטו אין כאדונינו
דיך וועלען מיר לויבען פֿרײַ, דען אין כמושיענו
דײַנע וואונדער בעווײַז אונז אין כמלכנו
אל שדי גרוים ביסטו אין כמושיענו
אל שדי גרוים ביסטו אין כמלכנו
יאַ פֿאַרנעהם אונזער געבעט אונזער געבעט
וואָס דײַן פֿאָלק דיך יעצט בעט.

אסיפ.

(מיט אגעשריי) נײַן, נײַן איך בין אַ יוד, איך בין ניט קײַן משומד, איך גלויב אין דעם יודישען גאָט (קוקט זיך אום) אַך ווי שרעקליך קלינגען די טענער פֿון די יודישע מעלאָדיען אין מײַנע אויערען, זײַט איך האָב מײַן רעליגיאָן פֿערביטען. אָה וועה! ווען איך זאָל ווענינגסטענס אײַן מינוט פֿאַר מײַן טױדט ווידער אַ יוד ווערען, אַך ווי גליקליך וואָלט איך געוועזען און ווי גליקליך וואָלט איך געשטאָרבען! לײַדער אָבער איז אונמעגליך, דען די רעגירונג ערלויבט ניט ווידער דעם געטויפֿטען די פֿריהריגע אמונה אָנצונעהמען. פֿערפֿאַלען, איך האָב בײַדע וועלטען פֿערשפּיעלט!

קלעמאַנס. (קומט)

צו מיר, דען מאַנטעל הערונטער — האָט ניעמאַנד אויף מיר געפֿראַגט?

אָסיפ.

נײַן!

קלעמאַנס.

דו האָסט געוויינט, אַלטער?

אָסיפ.

יאַ!

קלעמאַנס.

וואָרום?

אָסיִפ.

דו פרעגסט נאָך? מיר שײַנט, דאָס דו ווייסט זעהר גוט, אַז קיינער האָט ניט אַזוי פיעל אורזאַכען צו וויינען, ווי איך.

קלעמאַנס.

גענוג! גענוג! איך האָבע וויכטיגערע זאַכען אַלס דײַנע צו הערען, עס איז שוין צײַט צו וויסען, אַז דײַנע טרעהנען מאַכען אויף מיר קיין ווירקונג.

אָסיפ.

יאָ איך ווייס, אָבער פערגעס ניט, יעפּים, עס גיעבט נאָך אַפיעל העכערע מאַכט אַלס דײַנע...

קלעמאַנס.

האָב איך דיר דען ניט שטרענג פערבאָטען מיר מאָראַל צו פּרעדיגען.

אָסיפ.

יעפּים!

קלעמאַנס.

שטיל, טײַפעל, ווערסט דו נאָך וואַגען דעם נאָמען יעפּים אויף דײַנע ליפּען צו ברײַנגען, זאָ ווער איך דיר מיט מײַן שווערד דורכ־בויערען; גראַף, גנעדיגער הערר זאָלסט דו מיך רופען.

אָסיפ.

גראַף, גנעדיגער הערר, און דאָס פערלאַנגט אַ זוהן פון זיין אַלטען מאַטען!

קלעמאַנס.

שטיל, אַלטער הונד! ווען יעמאַנד, וועט דאָס געהײמניס ערפאַהרען דאַן!...

אָסיפּ.

דאַן וועט מען זאָגען, אַז דער מיניסטער קלעמאַנס איז אַשקלאַפען־זוהן, אָבער ווער האָט מיך צום שקלאַפען געמאַכט? ניט דו? קענסטו דען ניט געבען דײַן פאַטער די מעגליכקײַט אַנשטענדיג צו לעבען?

קלעמאַנס.

געלד געבען דיר? זאָלסט קענען יעדען ערצעהלען, דאָס קלעמאַנס דער מיניסטער איז דײַן זוהן? אָה נײַן! ביז דײַנעם לעצטען מאָמענט בלײַבסטו שקלאַפע אין מײַנעם הויזע!

אָסיִפ.

מײַן זוהן, יעפּים!

קלעמאַנס.

ווידער יעפּים. געדענק, טײַפעל, דו ווירסט פון מיר געטעטעט

ווערדען. איך וועל דיך פערניכטען (אב).

אָסִיפ.

איך האָב די שטראָף פערדיענט דערפאר, ווייל איך האָב צוליעב אַקריסטליכע פרוי מיט מיין רעליגיאָן געאָפּפערט. צוריק מיט 20 יאָהר בין איך אַרייכער, אַגליקליכער מאַן, אַגליקליכער יוד געוועזען, איין בעניי־דענסוועֶרטער פאַטער, ביז דער רוח האָט ניט אָנגעטראָגען די מאַריאַשקע, זי האָט מיך פון גלייכען וועג אַראָבגעפיהרט, צוליעב איהר האָב איך מיך געטויפט, מיין זאָהן יעפים פון דער גמרא אַוועקגעריסען, מיין פרוי שרה איז אויס פערצווייפלונג געשטאָרבען, און ווי שלעכט האָט מיך נאָך דערצו די פערפלוכטע בעלאָהנט. באַלד ווי איך האָב נאָר מיט איהר געהייראַטעט האָט זי מיך בעשטאָהלען און איז מיט איין אַנדערען ענט־לאָפען; איך בין געבליעבען אָרעם, עלענד, מיין זאָהן יעפים האָב איך איינעם פאַסטער אַוועקגעגיעבען, ער זאָל איהם ערציהען, און אַליין האָב איך מיך געלאָזט אין דער וועלט אַריין, די פערפלוכטע מאַריאַשקע אויפ־צוזוכען. 20 יאָהר האָב איך מיך אין דער וועלט אַרום־געשלעפט, איך האָב זי ניט געפונען; שפּעטער האָב איך ערפאַהרען, אַז מיין זאָהן יעפים איז זעהר רייך געוואָרען און בין מיט גרויס פרייד צוריק אַהער גע־לאָפען, לײדער, האָב איך דערמיט מיין לאַגע פערשלימערט. אַך ווי שרעקליך! לעגט אַוועק, מענשען, אייער געזונד פאַר קינדער, ווען איהר ווערט אַלט און שוואַך בעצאָהלען זיי אייך מיט שטיינער פאַר דעם גוטעס, וואָס איהר האָט מיט זיי געטהון. (מאַרטאַ און יעקים זינגען).

קלעמאַנס.

ווער איז עס דאָרט?

אָסִיפ;

דער קאַסטעלאַן מיט זיין פרוי.

קלעמאַנס.

זיי קומען, ווי געוואונשען.

יעקים, מאַרטאָ.

מיר ווינשען דיר גליק און זעגען, הערר מיניסטער (אסיפ אָב).

קלעמאַנס.

איך דאַנק אייך פאַר אייער זעגען.

מארטא.

מיר האָפען אַז גאָט וועט אונזער געבעט ערהערען און וועט דעם מיניסטער פיעל גליקליכע יאָהר שענקען.

יעקים.

אָמן.

קלעמאַנס.

ענטשולדיגט מיר, גוטע מענשען, וואָס איך האָב אייך בעמיהט

אַהער צו קומען. מײַן אמט נעהמט מיך צו זעהר אין אַנשפּרוך. איך האָב קײן צײַט מײַן הויז צו פֿערלאַסען.

מארטא.

איך װײס עס, העךר מיניסטער, אין דאַרום װעלען מיר שטענדיג גאָט בעטען, ער זאָל אײַך כח געבען איבערטראָגען די שװערע לאַסט, װאָס ליעגט אויף אײַך.

יעקים.

אָמן!

קלעמאַנס.

איך האָב מיט אײַך װיכטיגעס צו שפּרעכען.

מאַרטאַ.

מיט װאָס קענען מיר דיענען?

קלעמאַנס.

קענט איהר דען יודישען רב?

בײדע.

דען יודישען רב?..

קלעמאַנס.

דיעזער רב איז אײן געריהמטער מאַן אין פּױלען אין זאָגאַר דער רײַכער גראַף ליובעצקי אַכטעט איהם פֿיר זײַן בילדונג און געלעהרזאַמקײט.

מאַרטאַ.

די בילדונג פֿון אײן יודען מוז מען בעטראַכטען, װי גוטען װײַן אין אײן שמוציגעס פֿאַס...

יעקים.

אָדער װי גוטער שנאַפּס אין אײן שװאַרצער פֿלאַש.

קלעמאַנס.

צופֿעליגערװײַזע האָב איך בעקאַנטשאַפֿט געמאַכט מיט דעם רב, ער איז װירקליך זעהר קלוג און געבילדעט; אָבער ער בענוצט דיעזע פֿאָרציגע אַנדערע עהרליכע קריסטען אָבטרײַנונג צו מאַכען; קײם שפּריכט ער מיט אײן קריסט זאָ שװאַכט ער אין איהם אָב די ליעבע צו אונזער רעליגיאָן.

מאַרטאַ.

איז דאָס מעגליך?

יעקים.

און װאָס דאַרף איך טהון?

קלעמאַנס.

דער רב האָט אײן אײנציגע טאָכטער, די פֿון דער נאַטור מיט דעם שענסטען גאַבען בעשענקט איזט. דער אַלטער ליעבט זי מעהר אַלס

זײַן לעבען, און ווען זײַן טאָכטער זאָל זיך צו אַנ׳אַנדערעז גלויבען בעקעהרען — דאַן בלײַבט דער פּאָטער טרײַסטלאָז.

מאַרטאַ.

ווירד זי אונזער גלויבען אָננעהמען?

יעקים.

יאָ, די פראַגע איז צו ווען זי וועלען?

קלעמאַנס.

וויר מוסען זי צווינגען דאַצו.

מאַרטאַ.

צווינגען?

יעקים.

צווינגען זי זאָל וועלען.

קלעמאַנס.

יאַ, מען זאָל ביידע, דעם פּאָטער אונד די טאָכטער נאָך הײַנט פערהאַפטען, דען אַלטען זאָל מען צווישען אַלע פערברעכער אונטערברענגען, אונד די טאָכטער זאָלט איהר אונטער אײַער אױפזיכט נעהמען. איך ווייס, דאָס זי וועט זיך די ערשטע צײַט ווײַגערען, מיט אײַערע קלוגע ווערטער, מיט אײַערע פעהיגקײַטען ווערדעט איהר שנעל אױף זי ווירקען קאָנען, זי זאָל איין פרומע קריסטען ווערדען.

מאַרטאַ.

איך האָב ווענינ צײַט צו אַזעלכע זאַכען; עס טהוט מיר לײַד.

יעקים.

מיר טהוט אויך לײַד.

קלעמאַנס.

10 טויזענד גולדען, ווען מײַן וואונש ערפיהלט ווירד. געהט איהר אײַן דאַרויף?

מאַרטאַ.

ווען וועלען וויר די סומע ערהאַלטען?

קלעמאַנס.

האַלב — זאָפאָרט, די אַנדער העלפט — אַ פּאָר טאָג שפּעטער, זײַט איהר צופריעדען?

בײדע.

יאָ!

קלעמאַנס.

זאָ וואַרטעט אײַנען אויגענבליק, איך ברענגע גלײַך געלד (אב).

יעקים.

מאריאַשקאַ! פאַר וואָס גיעט אונז דער מיניסטער זאָ פיעל געלד?

מאַרטאַ.

אַלטע בהמה! דו האָסט ניט געהערט, דאָס דאָ האַנדעלט זיך וועגען איין שען מעדעל? דער מיניסטער מוז זיין אין איהר פערליעבט ביז איבער די אויערען, דערפאַר וויל ער זי מאַכען פאַר איין קריסטען.

יעקים.

אַזוי?!...

מאַרטאַ.

דו ווייסט, יעקים, אַז דאָ האָט זיך פאַר אונז געעפענט איין גאָלד־גרוב? מען דאַרף נאָר שכל האָבען, קאָן מען זעהר פיעל שעפּען.

יעקים.

מאַריאַשקאַ! האָסט רעכט! דער מיניסטער איז זעהר רייך, קאָן ער פיעל געלד געבען און מיר וועלען זיין דומקעפּ און ניט וועלען נעהמען.

מארטא.

ער וועט געבען אין מיר וועלען נעהמען; געלויבט די היילינגע, וואָס וועלען איהם מאַכען רייך.

אָסיפ. (בעמערקט זיי ניט)

גנעדיגער העד, דער קאַפּיטאַן קריווינסקי, וויל מיט אייך רעדען — ער איז גאָר נישטאָ!.. (ער בליקט).

מארטא.

דער הער מיניסטער איז אין זיין צימער, ער קומט באַלד.

אָסיפ;

אָה מיין גאָט! דיעזע פרוי... האָב איך קיין אירטהום... זאָל עס מעגליך זיין?.. יאָ, זי איזט עס...

קלעמאַנס.

וואָס טהוסט דו היער?

אָסיפ.

דער קאַפּיטאַן קריווינסקי...

קלעמאַנס.

זאָג איהם, ער זאָל מיך ביי דעם ראַבינערס הויז ערוואַרטען.

אָסיפ. (אָבגעהענד)

יאָ, דאָס איז זי, איך מוז ערפאַהרען וואָס זי טהוט דאָ?

קלעמאַנס.

דאָ האָט איהר געלד און נאָך היינט זאָל דער ראַבינער (אסיפ פערשטעקט זיך) אונד זיינע טאָכטער ביי אייך זיין.

מאַרטאַ.

איך דאַנק פאַר דאָס פרעזענט, הערר מיניסטער! דאָס געלד וועל

איך פֿערטהײלען צווישען אָרעמע. גאָט זאָל אײַך פֿאַר יעדען גולדען אײַן גליקליכעס יאָהר שענקען.

יעקים.

גאָט זאָל אײַך פֿאַר יעדען יאָהר אײַן גליקליכען גולדען שענקען (אָב).

קלעמאַנס. (צו בײדע, אָבנעהנד)

יעצט ווען זי ווירד אײַך וויעדערוועצען, גיעב איך זי אײַך אין די הענד אַרײַן (אָב).

אָסיפּ.

דאָס איז זי, די פֿערפֿלוכטע מאַריאַשקאַ, און זי איז גאָר געוואָרען אַבעזאָרגער׳ן אין אַ מאָנאַסטיר... און איהרע הענד וויל מען איבערגעבען דעם רב מיט זײַן טאָכטער. אַזאַ מערדעריי וועל איך ניט דערלאָזען... איך וועל... (נאכדענקענד) יאָ דאָס איז אײַן אויסגעצייכענטער פּלאַן. דער רב אביגדור מיט זײַן טאָכטער מוס און וועט געראַטעטע ווערען... איך וועל אײַך רעטען... אָה, דו אונמענש! וואַרט, איך ווייס, וואָס פֿאַר אײַן נידערטרעכטיגער יודען־פֿײַנד דו ביסט. אָבער איך וועל דײַן ריכטער זײַן, ציטערען זאָלסטו פֿאַר מיר! איך הייס בײַ דיר אַ משומד, אָסיפּ דער גוי, אָבער בײַ זיך אין האַרצען טראָג איך מײַן עהרליכען יודישען נאָמען. איך בין אברהם־זאב בן ר׳ צבי־הערש הכהן... איך בין אַ יוד... איך בין אַ יוד! (אָב).

פֶּערְוַואנְדְלוּנְג.

(אַ צימער בײַ אביגדור׳ן אין שטוב. רעכטס אַ טיש מיט אייניגע געבעטע און געוועהנליכע שטיהלען, לינקס אַ קאַנאַפּע. אין הינטער גרונד און בײדע זײַטען פֿון טהיר 2 טישלעך מיט ליכטער, יום טוב׳דיקער אויבזיכט.

כאר.

מיט מזל זאָל דאָס לעבען שײַנען,
אַזוי ווינשען אַלע דײַנע פֿרײַנד
און פֿון שמערצען לײדען זאָלט איהר ניט וויסען
נאָר לוסטיג, מונטער זאָלט איהר זײַן:

איך דאַנק אײַך, פֿרײַנד, וואָס איהר האָט מיך אַזוי פֿרײַנדליך בעגריסט, זעצט אײַך אַלע פֿון קלײן ביז גרויס און אַלס בעסטע געניעסט.

כאָר.

מיט מזל זאָל... א. ז. וו....

רחל.

איך קען אײַך, מײַנע ליעבע שוועסטער, ניט אין ווערטער אויס־

דריקען מײַן הערצליכען דאַנק; איך בעט יעצט אײַך נאָך, מיט אײַער וואונש, מײַנע קראַנקע מוטער צו בעגריסען.

כּאָר.

מיט מזל א. ז. וו. (אב).

רחל.

אַך, ליעבע מוטער, פֿאַר וואָס האָט מיך אַזוי גאָט געשטראָפֿט, אַז דו זאָלסט ניט זײַן אימשטאַנד דײַן אײנציגע טאָכטער צו דער חופּה פֿיהרען. אָה, איז דאָס אַ ביטערער שמערץ, אַ טראָפּען פֿון גיפֿט אין מײַנעם גליקסבעכע־ ־יער שענסטער טאָג פֿון מײַן לעבען איז דאַדורך פֿערוואָלקענט געוואָרען. גאָט, דו ביסט דאָך אַ רופֿא חולים, בעווײַז דײַן נס און שיק אַ רפֿואה שלמה פֿאַר מײַן קראַנקער מוטער. (מוזיק).

זינגט.

דו הײלסט קראַנקע, גרויסער גאָט,
דו שענקסט לעבען און טוידט,
דײַן קינד ערוואַרטעט איצט פֿון דיר אַ ישועה,
אַז דו זאָלסט דער קראַנקער שיקען אַ רפֿואה,
גרויסער גאָט, דיך בעט דײַן קינד,
אַז איהר קראַנקע מוטער זאָל ווערען געזונד.

יעקב. (טרעט אַרײַן וויערערהאָלט)

דו הײלסט קראַנקע, גרויסער גאָט, דו שענקסט לעבען און טוידט...

רחל.

אָה, יעקב, מײַן ליעבער יעקב!

יעקב.

רחל, מען האָט מיר געזאָגט, אַז דו ביסט דאָ אַלײן. דאָס איז מיר זעהר אײַפֿפֿאַלענד. יעצט, ווען פֿיעל פֿרײַנד זענען געקומען אונז איוף איִמער און עוויג צו פֿעראײניגען, איז אונזער פֿפֿליכט די געסט מיט אונ־זער געגענוואַרט צו בעעהרען. און איבערדעם בין איך איך געקומען ערפֿאַהרען די אורזאַכע פֿון דײַן אַבוועזענהײט.

רחל.

אַך, ווי גליקליך וואָלט איך געווען, ווען מײַן מוטער זאָל זײַן געזונד. אַך, ווי שרעקליך איז מיר דער געדאַנק, אַז וועהרענד איך גאָה צום לעבען, געהט מײַן מוטער פֿיליײַכט צום טויט.

יעקב.

אַ קינד ביסטו, דײַן מוטער וועט געזונד ווערען, פֿאַר וואָס זאָלסטו זיך צולאָזען אַזעלכע שרעקליכע געדאַנקען?

רחל.

לײַדער, קאָן איך ניט דעם שרעקליכען געדאַנק פֿון מײַן קאָפּ פֿעריאַגען. ווען מײַן מוטער זאָל ניט פֿיהלען, אַז איהר לעצטע שעה האָט געשלאָגען, וואָלט זי ניט געווען פֿערלאַנגט אַז אונזער האָכצײַט זאָל יעצט שטאַטפֿינדען.

יעקב.

איך בעט דיך, מײַן טהײַערע, פֿערשטער ניט דעם טאָג מיט דײַנע טרעהרען.

רחל.

לײַדער קאָן איך מיך ניט בערוהיגען. מײַן הערץ איז מיר אַזוי צערבראָכען אַז איך מוז ווײַנען, עס צווינגט מיר דערצו, מײַן הערץ ציטערט אין מיר.

יעקב.

האָט כליליַכט עפּעס זאָנדערבאַרעס פּאַסירט?

רחל.

יאָ, איך האָב עס דיר ביז יעצט ניט געוואָלט זאָגען, אָבער דו מוזט עס וויסען...

יעקב.

דײַנע ווערטער שרעקען מיך, דערצעהל מיר אַלעס.

רחל.

דו האָסט שײַנט מיר געזעהן דעם פֿרעמדען קויפֿמאַן וועלכער קומט צו אונז די לעצטע צײַט טאָג־טעגליך.

יעקב.

ר׳ שלום מיאַסטו.

רחל.

יאָ, ער האָט מיר אַ פּאָר מאָל געגעבען צו מערקען, אַז ער ליעבט מיך, טראָץ דעם וואָס איך האָב איהם געזאָגט, אַז איך בין שוין פֿערליעבט. די לעצטע צײַט איז ער אַזוי צו דרינגליך געוועזען מיט זײַנער ליעבענס׳ערקלערונג, זײַנע אויגען האָבען דערבײַ אָנגעהויבען אַזוי צו פֿינקלען ווי בײַ אַ וואָלף און מיט אַ ווילדען לאַך האָט ער געזאָגט, דאָס בענעהמען וועט אײַך און אַנדערע צום אונגליק פֿיהרען. אַך, מײַן ליעבער, די שרעקליכע ווערטער הערען ניט אויף אין מײַנע אויערען צו קלינגען. זײַנע פֿײַערדיגע בליקען שוועבען נאָך יעצט פֿאַר מײַנע אויגען און אײַן געהײַמער פּחד לאָזט מיך ניט רוהען.

יעקב.

דומהײַטען! פֿעריאָג די אַלע נאַרישע פֿאַנטאַזיען, מיר האָבען ניט פֿאַר וועמען מורא צו האָבען. אונזער שוץ איז גאָט און ניעמאַנד איז אימשטאַנד עטוואָס שלעכטעס צו טהון.

רחל.

יאָ דו האָסט רעכט, לאָמיר האָפען צו גאָט, ער וועט שטענדיג אונזער שיטצער זיין. (מוזיק)

שואל. (אויפטריט)

אָט האָסטו זיי. געסט און געסטעריך זענען געקומען טאַנצען איף דער חתונה און זיי ביידע שטעהן און שושקען זיך. איהר וועט נאָך צייט האָבען פערשטעהט איהר מיך צו שושקען זיך נאָך דער חתונה.

רחל.

וואָס ווילסטו?

שואל.

וואָס איך וויל פרעגט איהר מיך? איך וויל גאָר נישט. נאָר די מחותנים פון ביידע צדדים האָבען מיך געשיקט איך זאָל אייך זאָגען, פערשטעהט איהר מיך, איהר זאָלט מוחל זיין אַריין געהן צו זיי, ווייל זיי ווילען אייך טאַסקען צו דער חופה אין אַ מזל׳דיגער שעה.

יעקב.

וואָס־זשע שרייסטו, נאַרישער מענש?

שואל.

יאָ נאַריש, ניט נאַריש, קיין שידוך, פערשטעהט איהר מיך, וועט איהר מיט מיר סיי ווי סיי ניט טהון. ערשטענס דאַרפט איהר איצט אַליין חתונה האָבען, און צווייטענס, ווייסט איהר דאָך מסתמא, אַז איך האָב אַ כלה, דאָס איז שיינדעלע.

יעקב.

שיינדעלע איז דיין כלה? דאָס הער איך ערשט פון דיר.

שואל.

האָט איהר ניט געהערט וועט איהר עס עהרען, ווייל נאָך איידער איהר האָט נאָך אין זינען געהאַט צו זיין אַ חתן פאַר רחל׳ן האָב איך שוין צעהן מאָל געבעטען גאָט ער זאָל מיר איינגעבען חן אין שיינדעלעס אויגען, אַז זי זאָל זיך אין מיר אַזוי פערליבען, אַז זי זאָל שרייען אין אלע גאַסען, גוואַלד איך וויל חתונה האָבען.

יעקב.

נו איז דיין תפלה דערהערט געוואָרען?

שואל.

אַז זי איז נישט דערהערט, וועט זי דערהערט ווערען. איך האַלט שוין מיט איהר גאַנץ ווייט עט, עט. אַז איך פלעג אַהיים קומען אין קיך אַריין און פלעג זאָגען, שיינדעלע, איך בין הונגעריג, פלעגט זי מיר גיבען דאָס איבערבלייבעכץ פון אייערע טעלער, און היינט רוקט זי מיר אונטער דעם בעסטען חלק. שאַט, אָט געהט זי אַליין, ווען מען וואָלט

געוויען דערמאָהנט משיח'ן, וואָלט ער געוויען געקומען (שיינדעלע קומט).

שיינדעלע.

רחל'ע, די מאַמע האָט אייך געבעטען איהר זאָלט צו איהר אַריינ־קומען זי וויל אייך בענשען פֿאַר דער חופּה און אייך, ר' יעקב, האָבען אַלע מחותנים געלאָזט בעטען איהר זאָלט צו זיי אַריין געהן.

שואל.

זעהט איהר שוין, אַז איך האָב אייך קיין ליגען ניט געזאָגט. אַ פּנים איהר לאָזט אייך גאָר בעטען; דאַכט זיך מיר, ווען מען וואָלט מיך געוואָלט פֿיהרען צו דער חופּה, וואָלט איך נישט געגאַנגען, נאָר איך וואָלט געפֿלויגען, געלאָפֿען געשפּרונגען, ווי אַ הוז.

יעקב.

קום, מיין לעבען, מיר האָבען ווירקליך געלאָזט די געסט צו לאַנג אויף אונז ערוואַרטען. (ביידע אב).

שואל.

אַ תענוג צו קוקען, אַ מחיה נפשות צו קוקען, ווי זיי לעבען זיך ווי צוויי טייבעלעך. איך פֿרעג דיך, שיינדעלע קרוין, פֿאַר וואָס זאָלען מיר זיך אויך ניט אַזוי ליעב האָבען? איז דען אונזערע נשמות פֿון קלאָטשע?

שיינדעלע.

וואָס גלייכסט דו זיך צו זיי? זיי זענען דאָך שוין חתן־כלה און באַלד מאַן און ווייב.

שואל.

אַ טהייערע מעציאָצי, בעט מיך שעהן ווערען מיר אין דער מינוט, בזה הרגע, מאַן און ווייב.

שיינדעלע.

שטיל שטיל דו, פּוסטער נאַר, איך האָב דיר אָנגעזאָגט, אַז דו זאָלסט אַזעלכע נאַרישקייטען ניט רעדען.

שואל.

דאָס הייסט ביי דיר נאַרישקייטען? מזווה'לע מיינס, קען דען זיין אַ גרעסערע חכמה, ווי חתונה האָבען? שיינדעלע, קעצעלע, מזווה'לע. מאַמעניו, טהו מיר צוליעב און ווער מיין ווייבעלע, וועסט איך הנאָד האָבען און וועסט דיר דערמיט קויפֿען עולם־הבא.

שיינדעלע.

וועסט זיין שטיל, צו ניין?

שואל.

זאָל איך קרענקען, זאָל איך אַ מיתה־משונה איינעהמען דאָ אויפֿ'ן אָרט, צו איך וועל אויפֿהערען צו רעדען וועגען דעם, ביז דו וועסט ניט רחמנות האָבען אויף מיר און ווערען מיין פּלונית'טע.

שײנדעלע.

נעדענק, שׂואליק, פֿאר אזעלכע ווערטער, ווערסטו האבען בײַ מיר א שוואַרצען, פֿינסטערען סוף.

שואל.

נו פֿרעג איך דיך אלײן, ביסטו ניט משוגע? קום א הער לאם איך דיך א קוש טהון, זעהסט, האטש דו ביסט א בתולה און איך א בחור, פֿון דעסטוועגען לאז איך מיך פֿון דיר קושען, ווי פֿיעל דו ווילסט אלײן. וואס, דו גלויבסט מיר ניט? נא דיר מײַן באק און קוש וויפֿיעל דו ווילסט.

שײנדעל.

נא דיר א טראסק, דאס הײסט אקוש.

שואל.

דאס איז קײן עין הרע א הענטעלע, ווי פֿון אײַזען געגאסען. נאך 2 אזעלכע פעטש קענען מיר די צײנדליך, ווי די פֿויגעלעך ארויספֿליהען צו אל־די־גוטע־יאהר. ווי איך בין א יוד, אפילו איהרע פעטש זענען איך געשמאק, קום א הער שײנדעלע, קעצעלע, נא דיר די אנדערע באק און טראסקע נאך אמאל. (שײנדעלע אב). זי איז אוועקגעפֿלויגען, מסתמא איז זי גרעכט און גאט איז גרעכט און זײַן משפט איז גרעכט.

שואל.

(קלעמענס טריט אויף איבערגעקלײדעט אין א חסידישען יודען מיט דעם נאמען שלום).

ר׳ שלום, שלום עליכם, ר׳ שלום, איהר זענט איך געקומען אויף דער חתונה?

קלעמאנס.

וואס מיר חתונה, ווער מיר חתונה?

שואל.

איהר ווײסט ניט, אז הײַנט האט רחל חתונה?

קלעמאנס.

נעכטען, אז איך בין דא געוועזען איז דאפאן קײן רעדע געוועזען.

שואל.

נעכטען האט מען נאך כאקע גאר ניט געקלערט וועגען א חתונה, די קראנקע רביצען אבער האט אנגעהויבען צו שרײַען, אז זי האט מורא פֿאר׳ן טוידט און דעריבער וויל זי, אז מען זאל שוין הײַנט רחל׳ן חתונה מאכען, כדי זי זאל זוכה זײַן צו זעהן איהרע קינדער שטעהן אונ־טער דער חופה פֿאר איהר לעבען.

קלעמאנס.

איז די רביצען ווירקליך אזוי קראנק?

שואל.

אויף אלע משומדים געזאגט געווארען.

קלעמאַנס.

וואָס ביסטו אַזוי בייז אויף גוים, משומדים?

שואל.

וואָס פֿרעגט איהר, ווען איך זאָל זיין אַ מלך, וואָלט איך געהייסען אַלע גוים אין איין טאָג אויסשעכטען, מען זאָל זיי עוקר מן השורש זיין, אַז קיין שריד ופליט זאָל פֿון זיי ניט בלייבען. אדרבה, פֿרעג איך אייך, האָטש איהר האָט שוין גאָר קיין שכל ניט איז דען ניט רעכט אַזוי? וואָס פֿאָרט האָבען זיי צו אונז? געהט נעבעך דורך אַ יוד אין גאַס בעוואַרפֿט מען איהם מיט שטיינער, מען שרייט איהם „זשיד". איינמאָל האָב איך פֿון אַ שייגאַץ געחאַפּט אַ קלאַפּ אין נאָז, אַז איך בין שיעור ניט געבליעבען אָהן קיין נאָז. (אַ געראויש) שאַ מען פֿיהרט שוין, דאַכט זיך מיר, די חתן=כלה איך האָב מיך דאָ פֿערפלאַפּעלט. און איך וועל שוין חאַפּען אַ שוואַרצען סוף (אָב).

קלעמאַנס. (אַליין)

יאָ מען פֿיהרט זי יעצט צו טרויאונג. בראַוואָ... איך בין צו דער רעכטער צייט געקומען. אַה! וועל איך אייך אַ שענעם דרשה=געשאַנק געבען. (אַלע קומען).

קאהר.

צו דער חופּה פֿון דיין קינד, זאָל זיין געזונד:
גליק אונד זעגען ווינשען מיר דאָ אַצונד (בּיס)

רב.

דאָס גאַנצע לעבען פֿון דעם מענשען איז אַ קאַמפּף, אונד פֿון אונגליקען האָב איך שוין לאַנג געוואוסט, נאָר אַז פֿרייד און לייד זאָלען קומען צוזאַמען אַזוי געאַרעמט אין מיין הויז אַריין, דאָס האָב איך נישט ערוואַרטעט, ווי גרויס מיין פֿרייד איז, אַז גאָט האָט מיך מזכה געווען, אַז איך זאָל מיין טאָכטער'ס חופּה דערלעבען, אָבער נאָך גרעסער איז דער שמערץ, וואָס איך האָב דערפֿון, אַז מיין ליעבע פֿרוי ליעגט נעבאַך אַזוי קראַנק, אַז זי ערוואַרטעט יעדע מינוט דעם טויט. איך מוז עס אָבער פֿאַר גוט אָנ'נעהמען. יהי שמו מבורך! פֿיהרט אַריין מיין קראַנקע פֿרוי און מיר וועלען שטעלען אַ חופּה. (רחל פֿיהרט אַריין די מוטער).

רחל.

מוטער! ליעבע מוטער! ווי פֿיהלסט דו דיך יעצט?

חנה.

גוט, מיין קינד, זעהענדיג דיך מיט דיין ליעבען חתן צוזאַמען, פֿיהל איך קיין שמערץ, נאָר פֿערגעניגען.

רחל.

אַ, ליעבע מוטער! וועסט נאָך לאַנג לעבען און געזונד זיין.

חנה.

דאָס איז געווענדט אין גאָט, — ער קען אפילו פֿון טויט לעבעדיג מאַכען. קינדער מיינע, איך וויל איך בענשען, שיק דיין ברכה, גאָט, פֿאַר מיינע קינדער; בעהיט זיי פֿון אונגליק און פֿון צער!

רחל.

מוטער מיינע, גוטע מוטער!

חנה.

וויין נישט, קינד, היינט איז דער גליקליכסטער טאָג פֿון דיין לעבען; דאַרפֿסט נאָר מונטער און פֿרעהליך זיין. זאָל אייך דער פֿאָטער איך זיין זעגען געבען און מען וועט אייך אויף עוויג פֿעראייניגען.

רחל.

יעקב! ער איז ווידער דאָ? (צייגט אויף דעם פֿערמאסקירטען קלעמאנסען).

יעקב.

וועמען מיינסט דו?

רחל.

זעה!

יעקב.

שרעק דיך נישט, מיין לעבען. דער שורקע זאָל אויגענבליקליך דאָס הויז פֿערלאָזען! זאָג מיר, אונמענש, וואָס טהוסט דו דאָ? ווער האָט דיך אַ הער געבראַכט?

קלעמאַנס.

איך בין געקומען טאַנצען אויף דער חתונה.

יעקב.

של־־טע מענשען דאַרפֿען נישט די פֿריידע פֿון ערהליכע לייט געניעסען און טיילען. פֿאָרט פֿון דאַנען!

רב.

אין גאָטטעס ווילען, מיין קינד! פֿאַר וואָס בעליידיגסט דו דעם מענשען?

יעקב.

איך האָב צייט מיין לעבען קיין מענשען קיין שלעכטעס געטהון, דער אָבער איז אַוואַגאַבונד — און יעדער וואַגאַבונד מוז פֿון דער געזעל־שאַפֿט אויסגעשלאָסען ווערען.

רב.

וואָס האָט ער דען געטהון?

יעקב.

ער האָט רחל׳ען געשריעבען, ווען זי וועט מיך נישט פֿערלאָזען

און מיט איהם הייראַטען — וועט ער די גאַנצע פאַמיליע אין אונגליק ברײנגען.

חנה.

טרייב איהם אַרויס פון דאַנען! אַרויס!

קלעמאַנס.

שוין, שוין, איך געה. איך וועל אייך אָבער היינט אַ לוסטיגע חתונה אָבשפּיעלען (לאַכענד, אב).

רב.

דעם מענשענס געלעכטער שרעקט מיך זעהר. אָבער מיר דאַרפען פאַר קיינעם — אויסער פאַר גאָט, קיין מורא האָבען. גאָט וועט מיך מיט מיינע קינדער שיצען. שטעלט די חופה! (עס ערשיינט קריוויצקי און פאָליציי).

קריוויצקי.

וואו איז דער רבי?

רב.

דער בין איך.

קריוויצקי.

און אייער טאָכטער?

רב.

מיינע טאָכטער?

קריוויצקי.

איך האָבע איינען בעפעהל אייך צו פערהאַפטען.

אלע.

גאָט!...

יעקב.

איך וויל וויסען אין וואָס זייער פערברעכען בעשטעהט? דען אָהנע אורזאַכע געהען זיי נישט פון דאַנען.

קריוויצקי.

ווילסט דו דיך פיליייכט דעם בעפעהל ווידערזעצען?

יעקב.

דער יעניגער, וואָס וועט וואַגען מיין ברויט צוּבעריהרען, דער וואַגט מיט דעם לעבען!

חנה.

לאָזט נישט, גוטע מענשען, לאָזט נישט מיין מאַן און מיינע קינדער צונעהמען.

קריוויצקי.

ערגרייפט דאָס מעדכען!

יעקב.

נאָר נישט וואַגען.

קריוויצקי.

האַלטעט איהם פֿעסט!

חנה.

מײַנע קינדער! האָט מיטלייד מיט מײַנע קינדער, גוטע מענשען!

רחל.

מוטער! אַ, אונגליקליכע מוטער! זי איז טויטט! (חנה פֿאלט).

קריוויצקי.

לאָזט איהם נישט לויז!

רחל.

גוטע מענשען! מײַנע מוטער האָט איהר געטעטעט,— בעגעהט װעגניסטענס קיינען צווײַטען מאָרד!

קריוויצקי.

לאָזט איהם פֿרײַ! זיעהסט דו דען ניכט, יונגערמאַן, דאָס דײַן װידערזעצען העלפֿט ניכט?

יעקב.

איהר האָט רעכט, רחל, מיר מוזען זיך שיידען.

קריוויצקי.

פֿאָרט מיט זי!

רב.

ערלויבט מיר צופֿאָר מיט מײַנע פֿרוי זיך צו שיידען!

קריוויצקי.

איך ערלויבע עס דיר. עס טהוט מיר צוואַר לייד איף די אָרעמע לײַטע. דער סאָלדאַט מוז דען בעפֿעהל אויספֿאָלגען און מען דאַ ביי איהם איך דאָס הערץ ברעכען!

(פֿאָרהאַנג פֿאַלט).

צווייטער אַקט.

(קעניגליכער פּאַלאַסט. אין הינטערגרונד דער טראָן. אין וועלבען דאָס קייזערפֿאָר זיצט. לינקס פֿון טראָן שטעהט קלעמאַנס מיט הויפֿדאַמען, רעכטס גראַף ליובעצקי מיט הויפֿלײַטע, מענער).

קעניג.

מײַנע פֿרײַנדע! איהר זאָלט מיך יעצט ניכט אַלס אײַער קעניג בעטראַכטען, זאָנדערען אַלס אַ מענשען־פֿרײַנד, הײַנט איז ניי־יאָהר אונד איך האָבע אײַך נאָר דעסהאַלב אײַנגעלאַדען, אום מיט מיר צוזאַמען דעם ערשטען טאָג דעם יאַהרעס מיט פֿריידע עמפּפֿאַנגען.

קריוויצקי.

אין דיעזען יאהר האבען וויר מעהר אורזאכען, אלס אין אלע פערגאנגענע צו פרעהען זיך. דען ניע וואהר פאהלען זא, ווי יעצט מעכטיג, ניע וואר אונזער פאלק זא גליקליך, ווי היימע, וויר זינד פריינדליך פערבונדען מיט אלע אייראפעאישע מעכטע, אין אונזער לאנד הערשט יעצט די בעסטע ארדנונג אונד דאס האבען וויר אונזער איינציגען מיניסטער קלעמאנס צו פערדאנקען.

קלעמאנס.

דיין דאנק, מאנארך, אונד די ליעבע פון אלע הויפלייטע צו מיר, גיעבט מיר מוטה אויך פיר וויטער צו נאר פיר דאס גליק דעם קעניגס זארגען, ווי אויך פאר דאס וואהל אונזערעם פאטערלאנד.

פאזש.

איין שפאנישער קוריער בעגעהרט איינלאס.

קעניג.

מוסען וויכטיגע אנגעלעגענהייטען הייטע זיין; זאל ער קאמען! (ער ערשיינט) זיי מיר ווילקאמען איך גלויבע, דאס דו מיר גוטע נאכריכטען געבראכט האסט.

יעקב.

(פערקליידעט אלס שפאנישער קוריער) היער איזט מיינע נאכריכט.

קלעמאנס.

דער מאן קומט מיר זעהר בעקאנט פאר.

קעניג.

וואס זאל דאס בעדייטען, גראף ליובעצקי, לעזען זי פאר.

ליובעצקי.

(לעזט) ערעלער מאנארך! איך בין יעצט איינע שווערע זינד בעגאנגען, פאר וועלכע איך דען טויד פערדיענע. איך ערלויבע מיר, דיינע מאיעסטעט, טוישען אבער אויף איין אנדערעם וועגע, וואר עס מיר אונמעגליך פאר דיינע קעניגליכע גנאדע צו ערשיינען. איך בין קיין שפאנישער קוריער, זאנדערען איין איינפאכער יודע!!

קלעמאנס.

זא איין פרעכהייט אונד בעליידיגונג זיינער מאיעסטעט; ער איז דעם טוידטעס...

קעניג.

ניכט זא געאיילט. איך בין נייגעריג צו וויסען וואס האט דען יודען בעוועגט מיך צו טוישען? לעזען זי וויטער!

יעקב.

איך קען שווערען, אז דער מיניסטער, איז ר׳ שלום...

ליובעצקי.

(לעזט) פֿאַר דיר שטעהט איין איינפֿאַכער יודע, מאַיעסטעט, דער געקומען איזט בײַ דיר גנאַדע אונד שוץ צו בעטען פֿיר זײַנע ברויט אונד איהרען פֿאַטער דען רב דער היזיגען געמיינדע. אַם טאַגע מײַנער האָכ־ציַיט ווארדען זיי בײדע פֿערהאַפֿטעט אָהנע דען גרונד דעם פֿערברעכענס פֿאָרגעגעבען צו האַבען. ערעלער מאָנאַרך! ערבאַרעמע דיך, איבער אונגליקליכען אונד אונשולדיגען!

קעניג.

ווער ביסטו?

יעקב.

דער ברוטיגאַם דיעזעס מערכען, איך האַבע מיך אין אַלע בע־אַמטען געווענדעט אום הילפֿע, ווארדע אָבער פֿון זיי קורץ אַבגעוויעזען און דאָ איך אַלס יודע פֿאַר דעם קעניג ניכט פֿאָרגעלאַסען דײַנע מאַיסטעט מיין לייד צו קלאַגען, וואַר איך געצוואונגען מיט זאָ אײַנען מיטעל היער קאָמען.

קעניג.

אָהנע יעדען פֿערברעכען זאָגסט דו? ווער גאַב עס דען דעם פֿערהאַפֿטס בעפֿעהל?

יעקב.

איך ווערדע יעצט ווי איינסט די קעניגין אסתר דעם קעניג אחשורוש געזאָגט האָט אויף זײַנע פֿראַגע, ווער איהר פֿאָלק פֿערניכטען וויל, אַנטוואָרטעט: „המן הרע הזה״ (צייגט אויף קלעמאַנסען) דיעזער שלעכ־טער המן.

קעניג.

דער מיניסטער?...

יעקב.

ערשט יעצט ערפֿאַהרע איך דאָס ער מיניסטער איזט. איך האָב איהם אַלעס אײנפֿאַכען יודען שלום געקאַנט, דער מעהרערע מאָל צום רב געקומען איזט אונד האָט פֿערלאַנגט בײַ איהם דאָס ער זאָל איהם זײַן טאָכטער פֿיר פֿרוי געבען. אַלס זי איהם ענטזאַגט זײַן פֿאָרשלאַג האָט ער אויס ראַכע זי אונד איהרען ערליכען פֿאַטער אין געפֿענגעניס געוואָרפֿען.

קעניג.

וואָס זאָל דאָס הײסען?

קלעמאַנס.

איך ערקלעהרע דעם מאַן פֿיר פֿאָלשטענדיג פֿערריקט. גלויבט דער קעניג, דאָס מיניסטער קלעמאַנס זיך פֿאַר איין רבי, אַלס יודע פֿערקלייַ־דעט? דער יודע איזט ענטוועדער פֿערריקט, אָדער בעזאָפֿען.

יעקב.

אָה נײַן! איך בּין בּײַ מײַן קלאַרען פֿערשטאַנד. די אונמענש, בּיסט און אונזערען הױזע, װי אײַנע גיפֿטיגע שלאַנגע אײַנגעדרינגען און דאָס לעבען פֿון אונזער גאַנצע פֿאַמיליע פֿערבּיטערט. קעניג! איך װײס, איך בּין דעם טױדטע װערטה, אָבער איך בּיטע דיך הער אױס מײַנע װאָרטען, צו דיר שפּריכט אײַן טרױער בּירגער, שיצע אונז, קעניג! פֿאַר זאָלכע מיניסטער! שיצע אונז און זיך זעלבּסט, דען יעדע טהאַט זײַנע איז בּלױז גיפֿט. טױדט און פֿערדערבּען!

קלעמאַנס.

דער מאַן האָט זעלבּסט זײַן אורטײל אױסגעשפּראָכען, איך װערדע מיט ערלױבּניס דעם קעניגס, איהם צו בּעשטראַפֿונג איבּערגיבּען.

קעניג.

נײַן! ער זאָל ניט שטערבּען, איבּ און זײַנע װאָרטען גיעבּט נאָר עטװאַס װאַרהײַט, זאָ מוז מאַן איהם בּעמיטלײַדען (רעדט צו דער קעניגען שטיל).

קעניג.

מײַנע פֿרױ האָט רעכט, געה צו הױזע און מאָרגען 10 אוהר פֿריה געשטאַטע איך דיר אײַנען אױדיענץ; בּיז דאַהער װערדע איך גענױ אונטערזוכען די זאַך... געה!

יעקב.

איך דאַנק... (אָב).

קעניג.

זאָל דיעזער יודע אײַן אירטהום האָבּען... די יודען איז אײַן אונגליקליכעס געזינדעל...

קלעמאַנס.

געװיס, מאַיסטעט! דו קאָנסט ניכט דיעזעט געזינדעל. זײ װאַרדען איבּעראַל אין אַלע לענדער אַלס פֿעסט בּעטראַכט. געזעגנעט זײ שפּאַניען, פּאָרטוגאַליע, דאָס זײ האָבּען לענגסט זײ פֿון זיך פֿעריאָגט. גליקליך װירד איך פּױלען זײַן, װען עס זיך פֿון דעם יודען־שמוץ רײַן װאַשען װירד.

אלע.

רעכט!..

ליובּעצקי.

װירסט דו מיר ערלױבּען, מאַיסטעט, דען מיניסטער קלעמאַנס צו ערװידערען.

קעניג.

געװיס, מײַן פֿרײַנד!

ליובּעצקי.

זיך האָבּע גאַר ניכט ערװאַרטעט פֿון אונזער מיניסטער זאָלכע

ווערטער צו הערען. ווארום זאל דער יודע אלעס פעסט בעטראכטעט ווערדען? איזט ער ניכט מענש, גראד, ווי איהר אלע? מיניסטער קלעמאנס גיעבט אן גרינדליכע אורזאכען דען יודען צו האסען אונד ווער נאר פערנונפט האט, זאל דאס בעשטרייטען, דער יודע זאל גראדע רעספעקטירט ווערדען, דיעזעס אלטע פאלק דאס צו ערשט די גלויבענס פאקעל אנצינדעטע אונד דען גרויסען אלמעכטיגען גאט אנערקענט דאס זינד די יודען, וואו זי נאר וואהנען זינד זיי טריע, ערגעבענע בירגער, זיי בעטען אימער פיר דאס וואהל דעם מאיעסטעט אונד זיינע פאמיליע אונד טריע בירגער מיסען פון יעדען מענש געשעצט און געאכטעט ווערדען, איך האפפע דאס, דיינע מאיעסטעט – ווירד די ווארהייט מיינע ווארטען אננעהמען אונד פאלשע פערלייםדינגען ניכט אויף איינע האאר שענקען, דאגעגען אבער דיעזעס איבעראל אונטער־דריקטעס אונד געפלאגטעס פאלק אונטער דיינען שוץ שטעלען אונד די מיט פאטערליכען צערטליכקייט שיצען אונד היטען פון בעזען אבזיכטען.

קלעמאנס.

גראף ליובעצקי האט דיעזעס מאהל זיך זעלבער זעהר שלעכטעס צייגעס אונטערשריבען, און דעם אלס פריינד דער קעניגליכען פיינדע אויפטרעטעט איך האטע שוין מעהר־מאהלס געלעגענהייט איבערצייגען, דאס די יודען איין פאלשעס, טריילאזעס געזינדעל איזט, מאיעסטעט, איין יודע זאגטע מיר זאנסט, ווערע ער קעניג מעכטע ער זעמטליכע קריסטען אין איינעם טאגע אויסשלאכטען לאסען!

ליובעצקי.

אונד זאלכען איינען יודען האט געוויס מיניסטער קלעמאנס נאר אין טרוימע געזעהן! (אלס לאכט).

קלעמאנס.

גראף, איך בעטראכטע דיעזעס אלס איין בעליידיגונג אין דער געגענווארט זיינער מאיעסטעט אונד הויפסלייטע, ציהען זי איהר ווארט צוריק!

ליובעצקי.

איך בלייבע ביי מיינען בעהויפטונגען, די יודען זינד איין טריעס ערגעבענס פאלק אונד ווערען זי זעלבסט־שטענדיג מיט לאנד אונד קעניג, קענטען אונזערע ברידער איינע בעסערע אונד פריינדליכע בעהאנדלונג ערווארטען.

קלעמאנס.

אום אונז לייכטער אין איינעם טאגע אויסראטען צוקענען.

ליובעצקי.

טוהט מיר לייד! דאס איך ניכט פארציגע ווערטען קען איך מעכטע אלעס אויף דעם שפיעלע זעצען, וואס נאר איך בעזיצע אויב איהר דאס דערוויזען קענט.

קלֶעמאַנס.

לײַכט אִיז עֶס צוּ בּעֶהױפּטעֶן װעֶן מעֶן דִי אוּנמעֶגלִיכקײַט אײַנעֶס זאָלכעֶן צוּ שטאַנדעֶן קאָמעֶן אנזִיעהט, אִיךְ מעֶכטעֶ מײַן ראַנג אױך מײַן קאָפּף זעֶצעֶן אױף דִיעזעֶן שפִּיעלעֶ, דאַנן קעֶנטעֶ דִי אײַנעֶ װעֶטעֶ צוּ שטאַנדעֶ קאָמעֶן.

קעֶנִיג.

דִיעזעֶ אִינטעֶרעֶסעֶ פִיר דאָס פאָלק מאַכט מִיךְ זעֶהר נײַגעֶרִיג אײַנעֶן װאַהרעֶן בּעֶגרִיף פוּן דעֶם דעֶנקעֶן צוּ האָבּעֶן, מִינִיסטעֶר קלעֶמאַנס פעֶרלאַנגט, דאָס אִיךְ מײַן גאַנצעֶס פאָלק אױס מײַן לאַנדעֶ פעֶריאָגעֶן, גראַף ליוּבּעֶצקאַ װִיעדעֶר פעֶרלאַנגט פִיר דאָס זעֶלבּעֶ שִיטץ אוּנד גרעֶכטִיגקײַט, אִינפאָלגעֶ דִיעזעֶס בִּין אִיךְ בּעֶרײַט, מײַן טראָהן אוּנד העֶרשאַפט אײַנעֶם מאַנן אױף 24 שטוּנדעֶן צוּ אִיבּעֶרלאַסעֶן, דאָס עֶר 24 שטוּנדעֶן קעֶנִיג פוּן פױלעֶן זײַן זאָל, עֶס אִיז מײַן פאָלסטעֶר עֶרנסט דִי װעֶט קעֶן געֶלטעֶן.

קלעמאַנס.

אײַן יוּדעֶ זאָל קעֶנעֶן 24 שטוּנדעֶן פוּן פױלעֶן זײַן?

קעֶנִיג.

אִיךְ װִיל אִיבּעֶרצײַגט זײַן אױבּ דִי יוּדעֶן װִירקלִיךְ מײַנעֶ שִיטץ פעֶרדִיענעֶן, צװײַטעֶנס װִירד עֶס אײַן גאַנץ שעֶנעֶ אַמוּזִירוּנג זײַן אײַנעֶן יוּדען אױף דעֶם טראָהן פוּן פױלעֶן צוּ זעֶהן, זײַט אִיהר צוּפרִיעדעֶן?

ליוּבּעצקִי.

יאַ! —

קעֶניג.

זאָ זײַט בּעֶרײַט אײַנעֶן יוּדִישעֶן קעֶנִיג צוּ עֶמפּפאַנגעֶן; דִיר קלעֶמאַנס פעֶרטרױעֶ אִיךְ דִי מִיסִיאָן אײַנעֶן יוּדעֶן צוּ בּרִינגעֶן, אָבּעֶר אִין אײַנעֶם זאָלכעֶן צוּשטאַנד דאַס עֶר נִיכט װִיסעֶ, װאַן אוּן װאָהעֶר עֶר דאַצוּ געֶקוּמעֶן אִיזט.

קלעֶמאַנס.

אִיךְ פעֶרבּירגעֶ מִיךְ דאַפִיר, מײַן קעֶנִיג.

קענִיגעֶן.

אײַנעֶ פּראַכט־פאָלעֶ אִידעֶעֶ, אָבּעֶר װִירסט מִיר עֶרלױבּעֶן מײַן געֶמאַהל אוּנד קעֶנִיג אִין דִיעזעֶ קאָמעֶדִיעֶ אײַנעֶ ראָלעֶ צוּ שפּיעלעֶן?

קעֶנִיג.

דוּ מײַנסט...

קעֶנִיגעֶן.

דִי פרױ דעֶם יוּדִישעֶן קעֶנִיגס צוּ װעֶרדעֶן (לאַבּענד).

קֶענִיג.

עֶס אִיז דִיר גֶעשׁוַאטעֶט, נוּן פְרֵיינדעֶ וואָלעֶן וויִר אָבּעֶר נִיכְט פֶערגעֶסעֶן, הַיטעֶ אִיזט נַיי־יָאהר אוּנד וויִר דאַרפֶען דיִ צַייט נִיכְט אוּמזאָנסט פֶערלִיערעֶן, זִינגט, טאַנצט, אַמוּזִירט אַיךְ! (מוּזיק).

פֶּערְוַואנְדְלוּנְג.

(צִימעֶר בַּיי אַבִיגדוֹר).

חנה (פוּן קוּלִיסעֶן)

אָט אִיז עֶר! חאַפּט אִיהם דעֶם מעֶרדעֶר!

שׁוֹאל.

וועֶר האָט עֶס גִישׁרִיגעֶן, האַ? דאָס האָט עֶס געֶמוּזט דיִ רבּ׳עֶצעֶן שרַייעֶן? העֶר—קֵיינעֶר שרַייט נִיט, עֶס האָט זִיךְ מִיר נאָר געֶמוּזט ח״ו מ׳עֶן. דעֶרפַאר וואָס אִיךְ האָבּ דיִ העֶנד נִיט געֶוואַשעֶן; עֶר האָט נִיט געֶפוּנעֶן קֵיין אַנדעֶרעֶן צוּ פַּייניִגעֶן, א חוּץ מִיר, דַיין קנעֶכְט שׁוֹאלִיק ווען אִיךְ וואָלט געֶקענט מִיט אִיהם רעֶדעֶן, וואָלט אִיךְ אִיהם פּשוּט געֶפרעֶגט: רבּש״ע! א פּנים פַאר וואָס קוּמט מיר אַזוֹי פִיעל צרוֹת, בִּין אִיךְ חלילה נִיט פרוּם, מאַךְ אִיךְ נִיט אַ בּרכה אפילוּ אִיבּעֶר אַ דִינעֶר? זאָג אִיךְ דעֶן נִיט יעֶדעֶן טאָג אַ פּאָר קאַפּיטלעֶךְ תּהלים? וואָס שׁפִּיעלט עֶר זִיךְ מִיט מִיר, מַיינעֶ יסוּרים? שַׁיינדעֶלעֶ! זיִ האָט שׁוֹין נעֶבּעֶךְ אִיהרעֶ כּחוֹת פֶערלאָרעֶן; הַיינט פרעֶג אִיךְ אַיךְ וואָס דעֶן זאָל אִיךְ טהוּן, זאָל אִיךְ אוֹיף אַזאַ קראַנקעֶ אוּנגלִיקלִיכעֶ יוּדעֶנעֶ קֵיין רחמנוֹת נִיט האָבּעֶן, אַז גאָט האָט אוֹיף אִיהר רחמנוֹת געֶהאַט אוּן זִי פוּן טוֹידט לעֶבּעֶנדִיג געֶמאַכְט, זאָל אִיךְ זַיין אַזוֹי שלעֶכְט אוּן זיִ אִיבּעֶרלאָזעֶן אַלֵיין? נֵיין אִיךְ זאָל אפִילוּ 1000 מאָל אַ מיתה משוּנה אַיינעֶהמעֶן אוֹיף דעֶם אָרט, ווֶעל אִיךְ פוּן דאַנעֶן נִיט אַוועֶקגעֶהן.

חנה. (פֶערריקט)

אשר בּחר בּנוּ מכּל עם...

שׁוֹאל.

אָט מאַכְט זיִ קִידוּשׁ דיִ רבּעֶצעֶן?

חנה.

בּראשׁ השנה יכּתבוּן—מי יחיה מי ימית?

שׁוֹאל.

אָט האַלט זיִ גאָר בַּיי ונתנה תוֹקף, רבּ׳עֶצעֶן?

חנה.

כּל נדרי, חד גדיא, חד גדיא!

שואל.

אַ פנים, חד גדיא קלאַפּט מען זיך אין הערצען. יועד איז מיר די אידענע וואַרפּט אויף מיך אַ מרה שהורה, וועה איז מיר, וואָס טהוט מען רב׳עצען!

חנה.

רחל׳ע! מיין טאָכטער! (יאמערט וויל איהם קושען)

שואל.

וועה איז מיר, וואָס טהוט איהר רב׳עצען! איך בין ניט רהל׳ע, רב׳עצען, איהר קושט אַ פרעמדען זכר!

חנה.

רחל׳ע! מיין קינד! מיין טאָכטער!

שואל.

זאָל איך קרענקען, אויב איך בין רחל׳ע, איך בין דאָך אַ מאַנסביל, רב׳עצען! אַ פנים זעהט איהר דען ניט, אַז איך בין שואליק?

חנה.

רחלע! שואליק! רחלע! שואליק! (וואַרפּט) חאַ! פאָרט פון מיר דו רוצח! דו גזלן! אַ האַ דו זעהסט ווי גאָט שטראָפט? דו זעהסט? דו פיהלסט? דו מיינסט...

שואל.

אוי מיין הערץ! איך בין געבליעבען אָהן קישקעס; אָט האָסטו דיר אַ צולאָג צו די צרות, היינט געה גיעב איהר צו פערשטעהן אַ משוגענער, אַז איך בין ניט קיין רוצח און ניט קיין גזלן, ליעבע, זיעסע, רבעצען! האָט רחמנות אויף אייערע אַלטע יאָהרען, כ׳לעבען; איך זאָל אַזוי זוכה זיין צו זעהן מיך מיט מיין שיינדעלע אונטער דער חופה, ווי איהר וועט איה״ש גליקליך זיין, איהר וועט נאָך זוכה זיין צו טאַנצען ביי אייער טאָכטער אויף דער חתונה.

חנה.

ביי מיין טאָכטער איז היינט די חתונה, מזל־טוב דיר מהותן, מזל־טוב דער טאָכטער, כלי־זמר, שפּיעלט אַ פריילי שטיקעל, איך וועל געהן טאַנצען, מכבד די רבעצען מיט דעם ערשטען טאַנץ.

שואל.

געוואַלד! רבעצען! לאָזט מיך! איך קען נאָך הלילה אַזוי משוגע ווערען ווי איהר.

חנה.

לאָמיר טאַנצען, לאָמיר שפּרינגען! כלי־זמר שפּיעלט.

שיינדעלע.

אַ קויל האָט מיך געטראָפען, מיין שואליק! וואָס איז דאָס?

שאָל.

געוואַלד, שײַנדעלע! העלף מיר זי אַרײַן פֿירען אין איהר חדר.

חנה.

(האפט שיינדעלען טאנצען) האַ-האַ-האַ-האַ!

שײַנדעלע.

אױ מײַנע פֿיס, מײַנע פֿיס! (שיינדעל פאלט).

שאָל.

אױ מײַנע קישקעס! (חנה האפט איהם טאַנצען און ער פֿאַלט אויך.

שײַנדעלע.

שאָל, קום איך וועל דיר העלפֿען.

חנה.

זעהט נאָר זעהט! מיט דעם מערדער. דעם רוצח, דעם גזלן! רחלע! מײַן טאָכטער! (אלע אַב) איפטרעט יעקב.

יעקב.

איך האָב רוהיג אין מײַן צימער ניט געקענט אײַנזיצען, עס האָט מיך געטראָגען אַהער צו זעהן וואָס די רבעצען טהוט, אַלזאָ יענער ר׳ שלום איז געווען דער מיניסטער, עס האָט אויף אונז אזא אונגליק געבראַכט, אַלע שלאָפֿען, געבליבט איז גאָט, (שיינדעלע קומט).

שײַנדעלע.

וועה איז מיר!

יעקב.

שרעק דיך ניט, שײַנדעלע! דאָס בין איך!

שײַנדעלע.

איהר ווײסט עס ר׳ יעקב פֿון וואַנען האָט איהר אײַך צו אונז פלוצים גענומען?

יעקב.

איך בין ערשט אַרײַנגעקומען, וואָס טהוט די רבעצען?

שײַנדעלע.

ניט פֿאַר אײַך געזאָגט, זי איז משוגע אויף טוידט, איך מיט מײַנע קראַנקע בײנער מיט מײַן שאליקען וועגען מיר שטאַרקער פֿון אײַזען. אז מען האַלט עס אויס, שוין 2 נעכט וועגען מיר ניט געשלאָפֿען, די רבעצען קעהרט וועלטען, אַ מאָל זינגט זי, אַ מאָל וויינט זי אַ מאָל טאַנצט זי, אַ מאָל דראַפּעט זי זיך אויף די גלײַכע ווענט, איך וועל אײַך זאָגען דעם אמת, אז מיך אַרט שוין ניט פֿאַר זיך אַלײן ווי פֿאַר מײַן שאליקען, ער האָט פֿאַר גרויסע צרות איפגעהערט צו עסען, צו רוהען, צו שלאָפֿען, וועה איז מיר! פֿאַר זײַן נאָגעל זאָל מיר זײַן, אזא דימאַנד האָט איהר נאָך אין אײַער לעבען ניט געזעהן.

יעקב.

יאַ! שײַנדעלע! די ביסט גליקליך, וואָס די האָסט אַזאַ חתן.

שײַנדעלע.

אַזוי ער געפֿעלט אײַך אויך?

יעקב.

יאַ שײַנדעלע! איך האָב איהם אויך ליעב, ווער זיצט נעבען בײַ רער קראַנקער רבעצען?

שײַנדעלע.

מײַן שואליק.

יעקב.

איך וויל צו איהר אַרײַן געהן (אַב).

שײַנדעלע.

מײַן שואליק געפֿעלט יודען, געלויבט איז גאָט! וואָס ער האָט מיר אַזאַ ליעבען חתן צו געשיקט, אַלע זאָגען אַז ער איז ניט אַזוי קליג, אַלע זענען זײַ נאַראָנים. דאַכט מיר, אַזאַ חכם ווי ער, איז ניטאָ אויף דער גאַנצער וועלט, אַ סימן האָב איך, אַז ער איז אַ חכם, אַז ער וויל מיט מיר חתונה האָבען איך האָב איהם און דער לעצטער צײַט אַזוי ליעב בעקומען, אַז מיר ווילט זיך איהם נאָר קושען איך שרעק מיך אָבער, אפשר 20 מאָל הײַנטיגע נאַכט האָב איך איהם געוואָלט קישען, און איך האָב עס ניט געקענט פֿוילען בײַ מיר אַלײן. אָבער עס מעג זײַן וואָס עס וויל, שפּעטער ווען ער וועט ענטשלאָפֿען ווערען וועל איך צו איהם צו געהן גאַנץ שטיל אין איהם אַקוש געבען און ענטלויפֿען; (שואל קומט).

שואל.

וואָס טוהט די רביצען?

יעקב

די היטצע, האָטצע, האָט זי.

שײַנדעלע.

אוי טאַטענקע! בעווײַז אונז א נס און שיק איה״ר אַ רפואה. וואָס טוהט זי יעצט?

שואל.

זי ליגט רוהיג אין בעט, געה, שײַנדעלע, זעץ דיך אַניעדער נעבען דער רבעצין; שפּעטער וועל איך דיך אָבלאָזען, כדי זאָלסט קענען שלאָפֿען.

שײַנדעלע.

איך וועל נעבען איהר זיצען די שפּאַר זיך דערווײַל צו; ביסט שוין 2 נעכט ניט געשלאָפֿען, שואליק! (אַב).

שואל.

פֿאַר מיר, נשמה׳קעלע, זאָלסטו זיך ניט זאָרגען, עפּעס בין איך דאָך אַמאַנספּיל, אַהעלד, אַמאַנספּערזאָן. דו ביזט דאָך, נעבעך, אַשוואַכע אישה, אַשײנדעלע! נו, ר׳ יעקב, וואָס הערט זיך? ווייסט איהר נאָך אַלס ניט ווי דער רב מיט רחל׳ען זענען?

יעקב.

ניין! אָה גוטע רחל׳ע! וואָס האָט דיך גאָט אַזוי געשטראָפּט? וואָרום האָט ער ניט ליעבער מיך, אנשטאַט דיך אין געפֿענגניס גענומען.

שואל.

אָט די קשיא פֿרעג איך דאָך אייך, פֿאַר וואָס בין איך ניט אַנשטאַט דער רבעצין משוגע געוואָרען, כלעבען, ר׳ יעקב, איהר מעגט מיר גלויבען, ווען איך זאָל געוועזען משוגע ווערען, וואָלט איך ניט געמאַכט אַזעלכע שטיק ווי זי מאַכט, איך וואָלט מיר גאַנץ רוהיג געלעגען אין בעט און געשלאָפֿען.

יעקב.

שואליק...

שואל.

וואָס ווילט איהר, ר׳ יעקב?

יעקב.

ביזט זעהר אַגוטער יונג, ביזט נאָך קיין זינד בעגאַנגען: בעט גאָט פֿאַר מיר, דען מאָרגען געה איך נאָך אַמאָל צום קעניג.

שואל.

אַ פּנים איהר האָט גאָר ניט קיין מורא ער זאָל אײַך דערהרגענען?

יעקב.

דער קעניג איז פֿיעל בעסער און עדלער אַלס אַלע זײַנע בעאַמטע איך האָף אַז ער וועט זיך אויף רחל׳ען און אויף איהר פֿאָטער ערבאַרעמען און זיי פֿון אונגליק רעטען, און דיך שואליק בעט איך גיעב אַכטונג אויף דער רבעצין, פֿערגעסט ניט אַז אַ חוץ דיר און שײנדעלען איז קיינער ניטאָ ווער עס זאָל זיך וועגען איהר אינטערעסירען I Rt.

שואל.

האָט נישט קיין מורא ר׳ יעקב! איך ווייס שוין וואָס איך האָב צו טהון, טאָמער וועט איהר חלילה, שטאַרבען וועל איך נאָך אײַך קדיש זאָגען, און אויף דער רבעצין וועל איך אַכטונג געבען אַזוי לאַנג און אַזוי ברייט, ביז זי וועט געזונד ווערען אָדער ביז איך וועל משוגע ווערען, איך וועל די גאַנצע צײַט ניט שלאָפֿען, איך וועל נאָר זאָגען תהלים, כּדי גאָט זאָל אײַך אָבהיטען פֿון פרעניות, איך לויף שוין ברענגען אַ תהלים (אַב).

יעקב.

אוי ווען איז מיר! דאָס צימער, וואו ווייסט צו וועל איך עס נאָך אמאל בעטרעטען! אָה אונגליקליכע שווינגער־מוטער! (אב).

שואל. (קומט)

ר׳ יעקב איז שוין אַ פנים אַוועק געגאַנגען, לאָז זיין אַזוי; איך האָב געבראַכט אַ תהלים, און איך וועל זיך צו איהם אַנעהם געבען מיט אַלע כוחות (זאגט).

שיינדעלע.

זאָל איך האָבען אַזאַ מזל וואָס פאַר אַשיין קעלעכיל ער האָט, עס צוגעהט זיך אין יעדען אבר, אַצונד מעג איך איהם אַקויש טהון, עס מעג זיין וואָס עס וויל, ניין! עפעס קען איך ניט, עפעס שעם איך מיך... איך קען ניט, לאָז שוין זיין אַנאַנדערס מאָל...

שואל.

די ביסט עס שיינדעלע? „למה רגשו גוים״...

שיינדעלע.

די רבעצען שלאָפט שוין ב״ה.

שואל.

זי שלאָפט – ננקתה את מותרותימו ונשליכה ממנו עבותימו –

שיינדעלע.

איך האָב מיך אַזוי דערשראָקען.

שואל.

פאַר וועמען? ואני נסכתי מלכי על ציון הר קדשי!

שיינדעלע.

אַז דו זאָגסט תהלים קענסטו ניט הערען, וואָס איך רעד?

שואל.

נישקשה ערצעהל! שאל ממנו, ואתנה גוים נהלתך.

שיינדעלע.

נו הער שוין אויף צו זאָגען, וועל איך מיט דיר רעדען.

שואל.

לאָז מיך פריהער ענדיגען דאָס קאַפּיטעל... אַצונד בין איך שוין פערטיג, נו אַצינד, קעצעלע, קענסט די שוין רעדען.

שיינדעלע.

די רבעצען מיינט אַלס; אַז אַ גזל׳ען האָט רחל׳ען געקוילעט, דער פאַר האָט זי אָנגעגרייט דעם לאַנגען בעזעם, דערוויל האָט זי געמיינט, אַז איך בין דער גזלען און האָט געחאַפּט צו מיר דעם בעזעם.

שואל.

איך האָב אויך שוין פון איהר אַשוואַרצען סוף געהאַט זי האָט מיט

מיר געגעבען איוואָרף אין ד׳ערד, אַז איך האָב אַלע צייַן געקליבען?
זאָג נאָר שייַנדעלע! האָסט חאָטש אַ פּנים ביי איהר צוגענומען דעם בעזעם,

שייַנדעלע.

נייַן זי האַלט איהם נאָך אַלץ אין דער האַנד...

שואל.

אָבער זי שלאָפט אַצינד?

שייַנדעלע.

יאַ. (מוזיק).

שואל.

פאָלג־זשע מיך מייַן קעצעלע! געה לעג דיך שלאָפען! איך וועל שוין פאַר דיר אַכטונג געבען, איך וועל מיר דאָ זאָגען תהלים, און אַז איך וועל הערען דער רבעצענס קול, וועל איך אַריין לויפען.

שייַנדעלע.

איך וועל מיך טאַקע געהן צולייגען, דער קאָפּ טהוט מיר טאַקי וועה, שאליקיל! זאָלסט אַכטונג געבען איף דער רבעצין;

שואל.

אידאי וועל איך אַכטונג געבען, נאָר וואָס געהסטו ניט?

שייַנדעלע.

שאליקעל! (מוזיק).

שואל.

וואָס ווילסטו, מייַן נשמה׳לע!?

שייַנדעלע.

גאָר ניט שאליקיל, אַ גוטע נאַכט!!

שואל.

פאַר וואָס געהסטו ניט? (געזאַנג), נו וואָזשע געהסטו ניט, מייַן שייַנדעלע?

שייַנדעלע.

יאַ איך געה, זעהסט איך געה!

שואל.

מיד פאַר דייַן מינדסט ביינדעלע.

שייַנדעלע.

יאָ איך געה.

שואל.

איך טרייַב דיך ניט חלילה איך בעט דיך מחילה, ווילסט בלייַבען דאָ מיט מיר?

שייַנדעלע.

יאַ מיט דיר.

שׂואל.

דאָס פּיסקעלע פֿריהער.

שײנדעלע.

נאָשע דיר (קוסען).

שׂואל.

גיעב זשע מיר!

דועט.

זאָג אגוטע נאַכט,
צו דעם וואָס אימער וואַכט,
שלאָף געזונד און געשמאַק,
נאָך אַמאָל דער לאַנג מיר דײַן באַק, יאָ ווי געשמאַק.

(שײנדעל אָב).

לעבען זאָל זי 150 יאָהר! אַז זי גיט אײף מיר אַקוק, ווערט מיר עפּעס אַזוי וואַרעם, אַזוי זיס, אַז איך פֿערגעס אין אַלע צרות, יעצט איז שוין נאָך האַלבער נאַכט און איך וועל אַזוי זאָגען תּהלים ביז עס וועט ווערען טאָג (קלאַפּט) דאַכט זיך מיר מען קלאַפּט, ווער קאָן דאָס זײַן אַזוי שפּעט?

קלעמענס.

גוט נאָװענד, שׂאליק!

שׂואל.

(ערשראָקען), ר׳ שלום?

שלום.

ווער בין איך, מײַן פֿרײַנד.

שׂואל.

(אַװינק) דו גוי! דו הולטײַ! אַרױס פֿון דאַנען די טרײַפֿניאַק! האָסט נאָך אַ העזה אַהער צוקומען? אַרױס פֿון דאַנען!

קלעמענס.

נאַרישער יונג! פֿאַר וואָס שרײַסטו? פֿאַר וואָס ביסטו בײז? איך בין דיר געקומען זאָגען אַגוטע בשורה, אַז דער רבי מיט רחל׳ען וועלען מאָרגען אַהײם קומען, מאָרגען וועלען זיי שוין פֿרײַ.

שׂואל.

שוין פֿרײַ! זיצט ר׳ שלום!—זיסער, ר׳ שלום! האַרציגער, ר׳ שלום! איהר האָט אײַך געקױפֿט פֿערטיגע עולם הבא מיט דער בשורה; זיצט איך וועל לױפֿען זאָגען ר׳ יעקב׳ען די בשורה.

קלעמענס.

וואַרט איך וועל דיך עפּעס בעטען?

שׂואל.

וואָס ווילט איהר, ר׳ שלום?

קלעמאַנס.

איך האָב דעם גאַנצען טאָג אַזוי שווער געאַרבייט דעם רב צו בעפריַיען, אַז איך האָב קיין צייט ניט געהאַט עפּעס צו עסען, אפשר קענסטו ברענגען עפּעס, דאָס האַרץ חלעשט מיר!

שואל.

וואָס מיר עסען, ווער מיר עסען, און שטוב איז אַ איבער־קעהרעניש, וויל ער גאָר עסען! טאָמער ווילט איהר עסען קען איך אייך ברענגען דעם בעזעם וואָס די רבעצין עסט. איך קען אייך געבען אציבעלע! אַקנאָבעלע, אפילו אַשטיקעל רעטעך איז אויך ניטאָ!

קלעמאַנס.

ווי געפינט זיך ניט אין אַ יודישע שטוב אַביסעלע וויין?

שואל.

וויין? יאָ איין פלאַש וויין איז דאָ, דאָס האָט אָבער ר׳ יעקב געבראַכט פאַר דער רבעצין:

קלעמאַנס.

האָב איך פאַר מיין גוטע בשורה ניט פערדיענט אביסעל וויין?

שואל.

יאָ ווי איך בין אַ יוד! ווי איהר האָט עס כשר פערדיענט, אָט געה איך אַריין־ברענגען די פלאַש וויין (אַב).

קלעמאַנס. (צו זיך)

איך וועל איהם אַזוי פערשלאָפען, אַז ער וועט ניט הערען ווי מען וועט איהם פון דאַנען אַוועק נעדמען, אין קעניגליכען פאַלאַסט, איך שטעל מיר פאָהר זיינע איבערראשונג ווען ער וועט אַלס קעניג ער־וואַכען מען וועט איהם שוין איינבילדען, דאָס ער איז דער פוילישער קעניג, אונד אָהנע צווייפעל ווירד זיין ערשטער בעפעהל זיין אַלע קריסטען אויסצושלאַכטען.

שואל.

אָט האָב איך געבראַכט דער רבעצענס וויין, טרינקט, ר׳ שלום! לאָז אייך וואָהל שמעקען!

קלעמאַנס.

לחיים שואליק! איך טרינק אויף דעם געזונד פון דעם רבי.

שואל.

לחיים, ר׳ שלום! איך ווינש אייך דעם ליכטיגען גן־עדן.

קלעמאַנס.

אויסגעצייכענטער וויין, ווערסט אויך טרינקען אַביסעל?

שואל.

איך טרינק נאָר מפּסח לפּסח...

קלעמאַנס.

צוליעב דעם וואָס דער רבּי מיט רחל'ען זענען בעפרייעט מעגסטו היינט אויך טרינקען אביסעל וויין.

שואל.

איהר זענט אפשר טאַקי גרעכט, ניט אַלע מאָל טרעפט זיך אַזאַ נס, גיעסט אָן ר' שלום! אָבער ניט קיין סך, איך קען נאָך חלילה שיכּור ווערען.

קלעמאַנס.

(נעהמט אין אַ זייט דעם בעכער אין שיט אריין אין איהם פּראָשעק) פון אַזאַ גלאָז וויין ווערט מען ניט שיכּור מעגסט טרינקען וועסט זיך מחיה זיין!

שואל.

לחיים ר' שלום! מיר זאָלען דערלעבען משיח'ן, און אַלע משמדים זאָלען איינגעהמען אַ מיתה משונה — זאָגט אָמן.

קלעמאַנס.

טרינקט אויס און גאַנצען — אַזוי בראַוואָ די טרינקסט ווי אַ העלד, אנגיעסען דיר נאָך אַגלעזעל?

שואל.

הלילה וואָס רעדט איהר? פון דעם גלעזעל דרעהט זיך מיך שוין אויך דער קאָפּף (וואַקעלט זיך) אוי ווערה, ר' שלום! ווער קלאַפּט דאָרט?

קלעמאַנס.

עס דאָנערט, עס רעגענט אין דרויסען! (גיעט איהם וויעדער צו טרינקען).

שואל. (טרינקט)

אוי ר' שלום! עפּעס קלאַפּט מיר אין די שלייפען דאָס גאַנצע צימער דרעהט זיך פאַר מיינע אויגען (נעהמט נאָך אַגלעזעל) אוי, ר' שלום! עס דרעהט זיך, עס שאָקעלט זיך, עס קלאַפּט (פאַלט).

קלעמאַנס.

פערטיג.

שואל. (קרעכצט)

ר' שלום!

קלעמאַנס. (רופט אריין 4 מאַנן)

אין דעם צישטאַנד וועט ער שלאָפען ביז מאָרגען, יעצט קען איך מיט איהם טהון וואָס איך וויל נעהמט איהם אַרויס שואליק וועט מאָרגען זיין קעניג פון פוילען: (אַב).

(אויפטריט אָסיף)

כ יְפּ. (קוקט זיך אום)

דאָ איז קײנער נישטאָ וואָס זאָל דאָס בעדויטען מיר איז זײער אויפפאַלענד געווען, וואָס מײן זוהן יעפּים האָט זיך אַלס יוד פּערקלײדעט און זאָ שפּעט און אַזאַ רעגענס — וועטער וועקגעגאַנגען, איך האָב פּער־שטאַנען, אַז דער מערדער געהט יעמאַנדען אונגליקליך מאַכען, דאַרום בין איך פון ווײַטען נאָכגעגאַנגען אום צו ערפאַהרען וואָס דאָ טהוט זיך, איך האָב איהם געזעהן אַהער אַרײַן געהן נאָך דעם 4 מענשען אַרײַנריפען, וועלכע האָבען עפּעס פון דאַנען אוועק געטראָגען, אין אַוואָגען אַרײַן געלײגט, אָבער ווער וואָהנט דאָ? יעמאַנד שלאָפּט אין דעם צימער! (צום טיש) האַ אַ תּהלים; דער אַלטער בעסטער יודישער גוטער פרײַנד וואָס פיר איהם גיעסט יעדער איס זײַן הערץ (קיסט) ביסט אויך אַמאָל מײַן פרײַנד געווען, אַך וואָס פאַר אשוואַכע נערווען איך האָב בעקומען דורך די שרעקליכע חלומות, ווי שטארק די חלומות פערפּאָלגען מיך, געסטערין האָב איך געזעהן מײַן פרוי אין תּכריכים, זי איז מיך וויטענד איבערפאַלען און האָט אַרויסגעשריגען, דו ביסט מײַן מערדער! יאַ נאָר איך האָב זי ערמאָרדעט, די אַלע קאַפּיטלען קומען יעצט פאָר ווי אַלע גוטע ברודער, וואָס איך האָב זײ שוין לאַנג ניט געזעהן, פאַר וואָס זאָל איך יעצט קײן תּהלים ניט זאָגען? ווער ווײסט צו וועל איך נאָך אמאָל די געלעגענהײט האָבען נאָך אַמאָל דערצו (זאָגט, שלאָפט אײַן) יאַ משה אמת ותורתו אמת, נאָר די אידישע רעליגיאָן איז הײליג, נאָר דער יודישער גאָט איז גרויס און מעכטיג (ערוואַכט). גיעט מיר צוריק מײַן נאָמען יוד, איך וויל מעהר קײן קריסט זײַן, איך גלויב אין קײנעם ווי נאָר אין דעם אל אלוהי ישראל.

נָחנה (קומט מיט אַ ליכט)

מערדער! רוצח! גזלן!

אָסיפ:

— חנה, מײַן פרוי! מײַן אונגליקליכע פרוי! (פאַלט).

(פאָרהאַנג פאַלט).

דְרִיטֶער אַקְט.

(קעניגליכער זאַאל, אין הינטערגרונדע אין אַ ווינקעל אַ שפּיגעל, אין דער רעכטער זײַט אַ טיש).

שׁוּאָל. (חאַפּט זיך אויף קוקט).

איך מוז נאָך שלאָפען, עפּעס זעה איך אַ שענעם חלום — שײנדרעלע, וואָס טהוט די רב׳צען? וואָס איז דאָס? פאָרט אַ פּנים אַ חלום, דאָס ערשטע מאָל אין מײַן לעבען טרעפּט זיך מיר אַ חלום מיט אָפענע

אויגען און אפשר איז דאָס גאָר דאָס גן עדן? אָבער ווי קומט אין גן עדן אַ שפּיגעל? דאָ דאַרף מען זיך אויך פוטצען ווי אויף יענעם זינדיגען עולם, איך ווייס אפשר האָט מען גאָר געשטעלט אַ שפּיגעל כדי פער־שטעהט איהר מיך, די נשמות זאָלען זעהן וואָס פאַר אַ פּנים זיי האָבען נאָכ'ן טוידט, איך בין אַ בעלן צו זעהן ווי מיין נשמה זעהט אויס, האַ!? (קוקט אין שפּיגעל) ווער איז דער? עפּעס זעה איך דאָרט אַ מענש און גאָלד און אין זילבער, און ער איז אין מיר געראָטען, — זאָל איך גלויבען אַז יענער איז טאַקע איך, (קוקט אין שפּיגעל און גיעט אַ ציטער) ווי איך בין אַ יוד, דאָס איז טאַקע שאליק מיט די ביינער, נאָר אָנגעטהון מיט קריסטליכע בגדים, יענער טהוט אויך אַזוי, אַ צינד איז שוין ביי מיר קיין ספק ניט, אַז איך זעה מיך אין שפּיעגעל! איז דאָך די קשיא ווי בין איך? און ווי איז די רב'צען? און ווי איז דאָ שיינדעלע? קורץ אין גוט, אַזוי בלייבט עס: איך שלאָף און דאָס איז אַ חלום שיינדעלע וועק מיך אויף, איך וויל זעהן וואָס די רב'צען טהוט.

פאַזש. (קומט)

וואָס בעפעהלט, אייער מאַיעסטעט?

שואל.

ווער איז דער פּריץ? איהם זעה איך אויך אין חלום.

פאַשז.

וואָס בעפעהלט אונזער, גענעדיגער קעניג?

שואל.

צו וועמען רעדט איהר פּריץ?

פאַזש.

איך האָב די עהרע מיט דעם גרויסען קעניג פון פוילען צו שפּריכען.

שואל.

טאַקע מיך מיינט איהר?

פאַזש.

יאַ גרויסער הערשער!

שואל.

איז דער פּריץ משוגע, צו וועלכע שוואַרצע־יאָהר? —

פאַזש.

האָט דער קעניג גאָר ניט צו בעפעהלען?

שואל.

אַז דער קעניג האָט צו בעפעהלען, געהט זייט מוחל און פרעגט איהם, וואָס האָט איהר אייך אָנגעטשעפּעט אין מיר? לאָזט מיך צורוה! איך בעט אייך! מיט משוגענע האָב איך היינט צו האַנדלען? (פאַזש אב) וואָס טהוט זיך דאָ עפּעס היינט מיט מיר? עפּעס בין איך אַריין־געפאַלען

אין אַ משוגע הויז אַריין, אַ האַ! מען האָט מיר אָבער שוין לאַנג געזאָגט, אַז וואָס מען זעהט בייטאָג, חלומט זיך ביינאַכט, איך האָב דאָך אַ גאַנ־צען טאָג געהאַט צו טהון מיט דער רב׳צען, דערפאַר זעה איך אין שלאָף ווייטער משוגעים.

פּאַזש.

מאַיעסטעט! אייער גנעדיגע פּרוי די קעניגען קומט (אָב).

שׂוֹאל.

האַ? וואָס האָט ער געזאָגט? מיין פּרוי? אַ ווייב? אַ פּנים ווי קומט צו מיר אַ ווייב? איך האָב דאָך מיט שיינדעלען נאָך ניט חתונה געהאַט? (קעניגען קומט), וועה איז מיר? ווער איז די פּריצע?

קעניגען.

מיין ליעבער געמאהל! וואָרום האָב איך דיך שוין גאַנצע צוויי טאָגע ניט געזעהן? (וויל אומארמען).

שׂוֹאל.

וואָס וויל די ערילתטע?

קעניגען.

וואָס איז מיט דיר, מיין ליעבער סטעפּאַן! וואָס קוקסטו מיך אַזוי ענטשטוינט אָן?

שׂוֹאל.

אָט האָט זי מיר אַ נאָמען געגעבען סטעפּאַן, וואָס ווילט איהר פון מיר, פּריצע לעבען?

קעניגען.

סטעפּאַן! ערקענסטו ניכט דיין פּרוי בראַגינאַ?

שׂוֹאל.

פּרוי ברײַנע, נאַ דיר אַ ברײַנע אויף מיין קאָפּף?! פּריצע לעבען! איך וועל אייך שווערען אין קיטעל און טלית, אַז איהר האָט אַ פּנים אַ טעות, קוקט אייך גוט צו, צו מיר וועט איהר זעהן, אַז איך בין אַ פּראָסטער יודישער בחיר, און היים ניט סטעפּאַן; מיין נאָמען איז גאָר שׂוֹאליק בן תּירורות־חזק!

קעניגען.

סטעפּאַן! ביסטו ביי דיינע קלאָרע געדאַנקען? אַזעלכע דומהייטען שפּריכט דער קעניג פון פּוילען?

שׂוֹאל.

וואָס? זי זאָגט אויך אַז איך בין דער קעניג פון פּוילען? איך בעט אייך הארציגע פּריצע געפּינט אייך אַ אַנדערען פון וועמען חוזק צו־מאַכען וואָרום ווי איהר קיקט מיך אָהן בין איך ניט פון די וואָס מען קויפט 2 פּ״ר א גראָשען.

קעניגען.

אין גאָטעס ווילען וואָס שפּריכסטו? יעצט פאַנג איך אָן אַלעס צו־פערשטעהן, דער דאָקטאָר האָט מיר געזאָגט אַז דו וועסט געזונד ווערען פון דיין קרענק, וועסטו אַלעס פערגעסען.

שאול.

וואָס האָט זי זיך אָנגעטשעפּעט אין מיר? איך פערשטעה ניט, פערשטעהט איהר מיך, ווען בין איך קראַנק געוועזען?

קעניגען.

ערהיינערסטו דיך, סטעפּאַן! אַלס דו ביסט אין דער שלאַכט פער־וואונדעט געוואָרען און מען האָט דיך אין איין בעוואוסטלאָזען צושטאַנד צו הויז געבראַכט האָט מיר דער דאָקטאָר געזאָגט, דאָס דיינעם ערוואַכען ווירסט, דו אַלעס פערגעסען צו־וואָס מיט דיר האָט פּאַסירט, און ער האָט ריכטיג געטראָפען.

שאול.

יעצט איז ביי מיר קיין ספק ניט אַז די פּריצע איז אויך משוגע (בעטראַכט) שעהן איז זי מעג זי די חאַליעריע טרעפען שען ווי אַ בת מלכה, איך בעט אייך פּריצע! דילט מיר ניט דעם ספּאָדעק מיט אייערע נאַרישקייטען, איך קען אייך שטעלען 1000 עדות אַז מיין נאָמען איז שאליק בן־תּודרוס חזק! און אפילו מיין עלטער זיידע איז קיין מלך ניט געוועזען.

קעניגען.

אַך וויפיעל קרענקונג די פערשאַפסט מיר מיט דיינע וואָרטען, שוי מיר אין געזיכט, זאַגע ערקענסט דו ווירקליך ניט דיינע הייסליעבענדע פרוי?

שאול.

די שענע פּריצע נעהמט מיר צו מיין האַרץ, איז זי שען! וועה איז מיר פּריצע לעבען, וואָס טהוט איהר דאָ? הערט אויף! איהר פערגעסט אַז איך בין אַזכר מיט אַ יצר הרע!

קעניגען.

געה! די שלעכטער מענש! אַך ווי אונגליקליך איך בין (אב).

שאול.

ווי בין איך? און וואָס טהוט זיך דאָ מיט מיר? זאָל איך גלויבען, אַז איך זעה דאָס אַלעס אין חלום? ניין ווי איך בין אַ יוד! איך זעה שוין אַז איך שלאָף ניט, בלייבט דאָך אַלעס די קשיא ווי בין איך? און ווער בין איך? עפּעס האָט זי דאָ גערעדט פון א דאָקטאָר און פון אַ קרענק, איך ווייס אפשר איז זי־גרעכט, אפשר איז גאָר די גאַנצע מעשה פון פריהער וואָס איך בין געוועזען איין משרת ביים רב אַ חלום געוועזען,

און איך בין טאַקע איין אמת'ן אַ פּױלישער מלך, יאַ ווי איך בין אַ יוד איך הויב מיך אָן צודערמאַהנען, אַז איך האָב מיך מיט עמיצען געשלאָגען און איך האָב נאָך געחאַפּט אַמאָל. אין דער נאָז אַריין, אַזוי אַז איך האָב נאָך היינט אַ סימן איז עס אַ פּנים יענע מלחמה, וואָס מיין ווייב די פּריצע האָט געזאָגט. זאָל איך גלויבען אַז איך בין איין אמתדיגער מלך (צום שפּיגעל) אַ פּנים איך זעה איים ווי אַ רעכטער מלך? אָבער רבש"ע איך וויים דאָך פּאָרט אַז איך הייס שוֹאליק בן-טודרוֹת חזק.

פּאַזש. (קומט)

מיניסטער קלעמאַנס ווינשט מיט אייך צושפּרעכען (אב).

שוֹאל.

וואָס פאַר אַ מיניסטער? וואָס פאַר אַ קלעמאַנס? זיי ווילען מיך היינט קראַנק און משוגע מאַכען אַ פּנים.

קלעמאַנס. (קומט)

דער קעניג זאָל עוויג לעבען.

שוֹאל.

יאַ! דער מענש איז מיר בעקאַנט יאַ ווי איך בין אַ יוד, ער איז געראָטען אין ר' שלום ווער זענט איהר?

קלעמאַנס.

האָט דער גענעדיגער קעניג, דען מיניסטער קלעמאַנס ניכט ערקאַנט?

שוֹאל.

מיך דאַכט זיך, אַז איהר הייסט גאָר ר' שלום.

קלעמאַנס.

וויל זיך דער קעניג איבער מיר לוסטיג מאַכען?

שוֹאל.

איך קאָן פּאָרט שווערען, אַז דאָס איז ר' שלום, זאָגט מיר נאָר, ר' שלום, אָדער קלעמאַנס, מיין איך, איך שלאָף, אָדער בין איך וואַך?

קלעמאַנס.

איינע זאָנדערבאַרע פראַגע.

שוֹאל.

טאַקע יאָ באַנדערזאָרע פראַגע, אפשר שלאָפט איהר און זעהט מיך אין חלום? –

קלעמאַנס.

דאָרט ווי עס האַנדעלט זיך דעם בעפעהל מיינעס קעניגס בין איך שטעטס וואַך? איך גלויבע דער קעניג האָט דאָך ניט פערגעסען וועגען וואָס איך בין געקומען אַ הער? נעמליך דעם בעפעהל צו ערהאַלטען אַלע קריסטען אוים צו שלאַכטען.

שׁוֹאל.

יאַ איך האָב עס געזאָגט, איך האָב מיך שוין דערמאַנט אָבער אַ פּנים אַז איך וועל הייסען, וועט מען מיך דען פאָלגען?

קלעמאַנס.

גאַנץ געווים, מאַיעסטעט!

שׁוֹאל.

זאָגט מיר איך בעט אייך, ווער בין איך?

קלעמאַנס.

דער מעכטיגער קעניג פֿון פּוילען.

שׁוֹאל.

דאָס ווייס איך — נאָר אַ פּנים וואָס בין איך, אַ יוד, אַ גוי, אַ חונגע-זער — אַ טערק?

קלעמאַנס.

דער געגענוועדיגער קעניג איז אַ קריסט.

שׁוֹאל.

אַ קריסט? איז דאָך ווידער די קשיא, אַז איך בין יאָ אַ קריסט, זענען דאָך די קריסטען מיינע ברידער, פֿאַר וואָס-זשע זאָל איך זיי לאָזען אויסקוילען? וואָס בין איך עס עפּעס אַ פֿעלד-גזלן, וואָס?

קלעמאַנס. (צו זיך)

טייפֿעל! אונד אַלע מיינע וועטטע געהט פֿערלווירען? אָבער דער קעניג האָט די אַבזוכט זיך צום יודענטהום צו בעקעהרען אונד אַלע קריסטען אויסשלאַכטען צו לאַסען,

שׁוֹאל.

פֿאַר וואָס זאָל איך הייסען פֿון דער העלער הויט אַלעמען אויס-קוילען, וואָס בין איך אַ שוחט, אַ גזלן? אין וואָס זענען זיי דען בהמות?

קלעמאַנס.

איך מוס דאָס לעצטע מיטעל אַנווענדען, איך ווערדע ערזוכען דעם קעניג דאָס פּאַפּיער צו אונטערשרייבען.

שׁוֹאל.

צו איך קען שרייבען? נאָך ווי אַזוי! וואָס זאָל איך אייך שרייבען?

קלעמאַנס.

בלויז אייער נאָמען, מאַיעסטעט.

שׁוֹאל.

איהר ווילט זעהן, צו איך קען מיך אונטערשרייבען?

קלעמאַנס.

יאַ וואָהל, מאַיעסטעט!

שׂוֹאל.

איך שרייב געצוקט, אָט וועט איהר זעהן, ווי איך חמאליע אַ נידער מיין נאָמען, אַז עס געהט אַזש אַרויף, גיעבט מיר נאָר טינט און פֿעדער.

קלעמאַנס.

ביטע, מאַיעסטעט!

שׂואל.

אָט וועט איהר באַלד זעהן אַ שׂיאליק, אַז איהר וועט אייך מחיה זיין, איהר זעהט אַ „ש״? נישקשה, מיט דער „ל״ דאַרפֿט איהר אייך אויך ניט שעמען.

קלעמאַנס.

פּראַכטפֿאָל, מאַיעסטעט! איך עמפּפֿעהלע מיך (אב).

שׂואל.

אַצונד איז שוין ביי מיר קיין ספק ניט, אַז איך בין דער פּוילישער קעניג, ערשט אַצונד דערמאַהן איך מיך, אַז איך בין אַלע מאָל געווען אַ מלך, ווי עס ווייזט אויס, האָב איך געהאַט אַ געזונדטע קרענק (הענקער סטיעפּאַן קומט) וואָס איז דאָס פֿאַר א נייער פּריץ, ווער זענט איהר?

קעניג.

קען דער קעניג נישט דען הענקער פּריטץ? און יעצט איז צו טויד־טען די פֿערברעכער, וועלכע צום טוידט פֿעראורטיילט זינד.

שׂואל.

אַ האַ! איך פֿערשטעה! איהר זענט אַ סטאַרשע־מלאַרשע, אָדער א תּלין, וואָס־זשע ווילט איהר פֿון מיר!

קעניג.

זיי האָבען בעפֿוילען אַלע קריסטען אויס צושלאַכטען בין איך געקומען אום צו וויסען, ווען דאָס געשעהן זאָל?

שׂוֹאל.

וואָס וויל דער ערל? וואָס דבר׳ט ער? וואָס־זשע כריץ, איהר ווילט אויך דאָס אייגענע וואָס מיניסטער קלעמאַנס?

קעניג.

האָט דער קעניג ניט בעפֿוילען?

שׂואל. (בייז)

ר׳ קלעמאַנס איז אַ ליגנער, אַז ער האָט מיר געהייסען אַלע קריס־טען אויסקוילען, דאָס איז אמת, אָבער איך האָב איהם באַלד געזאָגט אַז די קריסטען זענען ניט קיין אָקסען און איך בין ניט קיין שוחט. זאָגט איהר, בין איך ניט גערעכט?

קעניג.

זאָ האָט מיך דער מיניסטער בעטראָגען, איזט עס ניכט איהרע אונטערשריפט?

שׁאל.

יאָ דאָס האָב איך אַליין געשריבען וואָס זאָגט איהר ניט צו דער חתונה, ווי געפעלט אייך די געצוקטע יוד, היינט די „ש״, מיט דער „נ״ קענט איהר אייך ניט שעמען.

קעניג.

ווייסט דער קעניג, וואָס דאַהער געשריבען שטעהט?

שׁאל.

פון וואַנען זאָל איך וויסען איך קען דען לייענען גויש?

קעניג.

אונד וואָרום האָט דער קעניג אונטערגעשריבען?

שׁאל.

ר׳ קלעמאַנס האָט געוואָלט זעהן, צו איך קען שרייבען, האָב איהם געוויזען, אַז איך קען, וואָס זאָגט איהר אויף דער חתימה שׁאליק בן טודרות חזק!

קעניג. (צו זיך זעלבסט)

יעצט פערשטעה איך אַלעס, דיעזער יונגע אַמוזירט מיך. איך מוס ווייטער בלייבען, איך וועל דאָ ווייטער אונטערהאַנדלונגען זעהן.

פאַזש.

דער מאַיעסטעט האָט געסטערען איינען יודען איינען אודיענץ בעשטימט, דאַרף ער פאָרגעלאַסען ווערדען.

שׁאל.

פאַר וואָס נישט ער זאָל אַריין קומען (אב פאזש) איך ווייס אין חלום האָב איך אַ סך יודען געזעהן, עס איז מיר גאָר אַ חרפה צו דער־צעהלען אַז מיר האָט זיך געחלמט אַז איך בין אַ מאָל אַ יוד געווען, איך בין אַ בעלן צו זעהן ווי אַזוי אַ יוד זעהט אויס (יעקב קומט) וואָס זעה איך? דאָס איז דאָך ר׳ יעקב, — רחלעס חתן, אַ פנים? האָב איך איהם פריהער געזעהן אין חלום, אָדער זעה איך איהם אַצינד אין חלום. ווי איך בין אַ יוד, דאָס איז ער.

יעקב. (ווענדעט זיך צום ווירקליכען קעניג).

זעגענע גאָט אונזערעם גערעכטען קעניג!

קעניג.

דאָרט איז דער קעניג (צייגט אויף שׁאלין).

יעקב.

מײַן גאָט דאָס איז דאָך שׂואליק!

שואל.

איך בין אַ בעל׳ן צו זעהן ווער ער איז און צו וויסען ווי ער הייסט, זייט זשע מוחל ר׳ יוד! איהר דאַרפט עפּעס צום מלך דאָס בין איך דער מלך אַליין, קומט זשע זייט מוחל אַביסעל נעהנטער! זאָגט וואָס דאַרפט איהר מיך?

יעקב.

עס איז דאָך שׂואליק.— מײַן קעניג!

קעניג.

דאַכט איז דער קעניג!

שואל.

צו זענט איהר טויב, צו וועלכע שוואַרצע יאָהר, איך האָב דאָך אייך שוין אַמאָל געזאָגט, אז איך בין דער מלך.

יעקב.

גנעדיגער קעניג!

שואל.

הערט אויף צו בעבען און צו מעבען! רעד פראָסט יודיש, וואָס ווילט איהר, איך פערשטעה יודיש אויך!

יעקב. (צו זיך)

זאָגאַר די שפּראַכע, איז שׂואליק, ערלער מאָנאַרך (קניעט).

שואל.

שטעהט אויף! וואָס טוינ אײַך די שטיק! א יוד טאָר ניט קניען!

יעקב.

גנעדיגער מאָנאַרך!) די נויט צווינגט מיך א הער צו קומען אום גנאַדע אונד הילפע פאַר מיינער ברויט אונד איהרעם פאָטער וועלכע אין געפענגעניס שמאַכטען, צו בעטען!

שואל.

גאָטס װוּנדער! כ׳לעבען פונקט אַזאַ מעשה האָב איך געזעהן אין חלום, זאָגט זשע מיר ר׳ יוד! ווער האָט דאָס געטהון אַזאַ רציחה?

יעקב.

מיניסטער קרעמאַנס!

שואל.

ווער קלעמאַנס? דער קלעמניש געפעלט מיר גאָר ניט. אַפּאַסקודנער בחור — זאָגט נאָר ר׳ יוד ווי אַזוי האָט געהייסען דער מיניסטער קלעמעניש ווען ער איז געווען ביי אייך אין שטוב.

יעקב.

ר' שלום.

שואל.

ר' שלום? ריכטיג, ווי איך וואלט דאס אליין געזעהן. יא א פנים וואס זשע קען איך אייך העלפען, מיין ליעבער יוד?

קעניג.

ווען איהרע מאיעסטעט ווערדען ערלויבען...

שואל.

דו זעץ דיך אנידער פרעג מיך נישט; זאגט נאר, יוד, ווי זענען זיי אצונד?

יעקב;

דאס ווייס איך ניט.

שואל.

תלין! וואס האסט עפעס געוואלט זאגען?

קעניג.

ווען איהרע מאיעסטעט ווירד ערלויבען, ווערדע איך מיך בעמיהען די זעלבע אויספינדען צו מאכען אונד צו בעפרייען!

שואל.

לאנגע יאהרען זאלסט דו האבען. אדרבה האסט זיך פעדיענט א מצוה זועסט דיר פערטיגע עולם הבא קויפען.

קעניג.

ביטע בעגלייטען זי מיך!

שואל.

אז דו תלין געהסט שוין טהון טאקע א מצוה, געה דערווייל אריין צו דער רבעצען, זעה טאמער דארף זי האבען אדאקטאר? קאך איהר אין א יאחיל איך וועל שוין אלעם בעצאהלען.

קעניג.

שוין רעכט! (אב).

שואל.

ווען איך זאל ניט וויסען אז איך בין דער פוילישער מלך וואלט איך געקענט שווערען, אז איך האב ערשט נעכטען מיט דעם יודען גע-רעדט ביי דער משוגענער רבעצען אין שטוב, אוי עס קלעמט מיר דאס הארץ, איך בין הונגעריג, אז דער רוח נעהמט מיך, וואס זשע א פנים איך דארף גאר ניט עסען?! (בראגינא קומט).

בראגינא.

ניין מיין ליעבער מאן! איזט דיינע שלעכטע לאהנע שוין פאראיבער? ווילסט דו דיך נאך אימער נישט פריינדליכע זאכע געגען מיר צייגען?

שואל.

איך וועל דיר זאָגען דעם אמת נשמה׳לע מיינס! אז איך געדענק גאָר ניט ווען מיר האָבען חתונה געהאַט.

בראַגינא.

ווי איך זעה בעאָבזיכטיגסט דו מיר נאָר קרענקהייטען צו פער־שאַפען: זאָ בין איך געצוואונגען פאָרט צו געהן!

שואל.

וואיהין ליופּסטו? ווער רעדט דאָ פון אוועק־געהן? מזוזה׳לע מיינס! איך האָב דיך ליעב ווי די שיינדעלע וואָס איך האָב געזעהן אין חלום.

בראַגינא.

שעמסטו דיך ניט מיט זאָלכע ווערטער? וואָרום האָסט דו דיך איינגעבילדעט. דאָס דו אַ יוד ביסט?

שואל.

ס׳איז מיר טאַקע אַ בושה, ווי איך בין אַ יוד, וואָס בין איך אָבער שולדיג אז דער יוד ליעגט מיר אין קאָפּף, עמיצער האָט מיר געמוזט כישוף טהון, נאָר אַ סוף ווי איך בין אַ יוד, מייז איך אַ גוי, אַז מעהר וועל איך אַזעלכע נאַרישקייטען ניט רעדען, אַ מחיה׳דיגע גויע! בראַנע היים מאַכען עפּעס עסען! אָבער פאַר אַלעמען האָב איך ליעב אַשטיקעל רעטעך מיט אַ ציבעלקעלע, מעג זיין אַגאַנצע ציבעלע, איך האָב, נישקשה, אַגוטען אַפּעטיט, איך בין טוידט הונגעריג, דאָס האַרץ חלשט מיר אַזש.

בראַגינא.

קום מיין ליעבער! נעהם פּלאַץ (ווייזט איהם אויף דעם טראָהן) דאַהער גלייך קומען די טענצער צו אַמוזירען (די טענצער ערשיינען און טאַנצען).

שואל.

ווי שעהן די ערילים טאַנצען מיט די ערילית.

בראַגינא.

נאַ און דו, מיין ליעבער מאַן, ווירסט ניט טאַנצען?

שואל.

איך וועל דיר זאָגען דעם אמת עפּעס שפּיעלען די כלי־זמר אַזוי שלימזלדיג, אז די פיס הייבען זיך גאָר ניט ביי מיר, וואָסזשע אַ בנים ועֵנען זיי קראַנק צו שפּיעלען עפּעס אַלעבענדיג שטיקעל.

בראַגינא.

שפּיעלען זי איין שעהנעם, לוסטיגען מאַרש.

שואל.

וואָס טויג אַ מאַרש, לאָזען זיי שפּיעלען פּאָפּראָסטאַ אַ הסיד׳ל.

בראַנינגאַ.

שפּיעלען זיי וואָס לוסטיגעס וואָס מונטערעס!

שואל.

אָט דאָס הייסט געשפּיעלט, לעבענדיג, לעבענדיג (טאַנצט).

(פֿאָרהאַנג פֿאַלט).

פֿיערטער אַקט.

(צימער ביי מאַרטאַ).

קלעמאַנס.

קענען וויר דאָ אונגעשטערט שפּרעכען?

מאַרטא.

געוויס.

קלעמאַנס.

איך האָב דען רעשט געלד געבראַכט. היער האָבען זיי 5000 גולדען!

מאַרטאַ.

איך דאַנקע, העֶרר מיניסטער!

קלעמענס.

יעצט ווערדע איך מיט איהן פֿריי שפּרעכען קאָנען, איך מוז יעצט אָפֿען געשטעהן, מיין צוועק וואַר ניכט פֿאָן דעם יודישען מעדכען, וועלכעס איך איין אַנפֿערטרויעט איינע היילינגע צו מאַכען, זאָנדערן (ער קוקט זיך אום צו עס איז ניט פֿאַרהאַן קיין זייטיגע מענשען).

מאַרטאַ.

מיר זענען גאַנץ זיכער דאָ!

קלעמאַנס.

מיין צוועק איז זי צו הייראַטען.

מאַרטאַ.

אַ מעדכען וועלכעס האָט דען מאָנאַסטיר בעטרעטען, טאָר ניט מעהר הייראַטען!

קלעמאַנס.

דאָס איז דאָך געשעהן אָהן איהר ווילען. געבען זי איהר צופֿער־שטעהן אַז אויב זי וועט מיט מיר איינוויליגען צו הייראַטען זאָ ווירד זי פֿון מאָנאַסטיר בעפֿרייט.

מאַרטאַ.

איך וויל גאָר ניט אַזאַ גרויסע זינדע אויף מיר נעהמען!

קלעמאַנס. (צו זיך)

פערפלוכטע העקסע! איך מוס איהר ווידער געלד געבען.

אָסיפּ. (קומט)

יאַ, דער מאַן וועלכער האָט אײַך געסטערען אַ בריעף געשריעבען וואַרטעט.

מאַרטאַ.

דער מאַן שרעקט מיך, אָבער איך וויל איהם זעהן, הערר עקסעלענץ, איך האָב צו אײַך אַ ביטע, דער הערר וואָס וויל יעצט מיט מיר שפרעכען איז מיר פרעמד, אונד איך האָב אורזאַכען צו פירכטען. יוען זי מיר אַ קליין געפעליגקײַט טהון וואָלען, זאָ פערבירגען זי זיך אַהער, אום בײַ אַ נעהטיגען פאַל מיר צו הילפע צו קומען.

קלעמאַנס.

איך בין בערײַט (בעהאַלט זיך).

אָסיפּ.

מאַדאַם! זענען מיר גאַנץ אַלײַן?

מאַרטאַ.

יאַ, מײַן הערר! ווער זענט איהר?

אָסיפּ.

ווילסט וויסען, ווער איך בין, בעטראַכט מיך גוט! זאָ וועסטו מיך ערקענען.

מאַרטאַ.

האָב איך ניט קײַן אירטהום? — איז דאָס ניט אָ...

אָסיפּ.

אָסיפּ ווילסטו זאָגען, יאַ אָסיפּ שטעהט יעצט פאַר דיר, אָסיפּ וועלכען האָסט אין טיעפען אָבגרונד געשטירצט.

מאַרטאַ.

שווײַג! שווײַג! איך בעשוועהר דיך בײַ גאָט!

אָסיפּ.

בײַ גאָט, דו מערדערין! דו רעדסט מיט גאָט! האָסטו דאַמאָלס אויך אין גאָט געדענקט, ווען דו האָסט מיך פון מײַן גוטער פרוי אָבגעריסען, האָסטו אויך אין גאָט געדענקט? ווען דו האָסט דײַן ערשטען מאַן פערגיפטעט, אויך דאַמאָלס ווען דו האָסט בײַם מיניסטער געלד גענומען, אום דעם רבי'ן מיט זײַן טאָכטער אונגליקליך צו מאַכען? זאָלסט עס ניט מעהר וואַגען אין מײַן געגענוואַרט דען הײליגען נאַמען גאָט אויף דײַנע געמײַנע ליפפען, צו ברענגען, דען דיעזען נאָמען הײַסט מיר דיך צו פערניכטען, צו ערמאָרדען, צו ערוואַרגען.

מאַרטאַ.

אַלזאָ וואָס פֿערלאַנגסט דו פֿון מיר?

אָסיפּ.

נאָך היינט זאָלסט דו דעם רב׳ן מיט זיין טאָכטער בעפֿרייען, זאָנסט וועסטו נאָך היינט דיין שטראָף בעקומען.

מאַרטאַ.

איינע שטונדע צייט גיעב מיר אונד זיי ווערען פֿריי!

אָסיפּ.

גוט, דענקסט דו אָבער מיך צו נאַרען, זאָ נעהמע דיר אין אַכֿט מיין געדולד איז צו ענדע, איך בין מעהר קיין שוואַכֿעס לאַם, נאָר אַ טיגער אַ בלוטיגער טיגער, וועה דיר! טויזענדער מאָל וועה ווען דו מיך בעטריעגסט (אב).

מאַרטאַ.

וואָס טהוט מען יעצט, דער מיניסטער האָט געוויס אַלעס געהערט.

קלעמאַנס. (דער גאָהענטערט זיך)

יעדעס וואָרט, אונד עס פֿרעהט מיר די בעקאַנטשאַפֿט פֿון אייער פֿערגאנגענהייט צו הערען.

מאַרטאַ.

האָבען זי מיטלייד! עקסעלענץ! מאַכען זי מיך ניט אונגליקליך!

קלעמאַנס.

אויב דו וועסט מיט־ווירקען דאָס די יודין זאָל מיינע ווערען, בלייבט אייער געהיימניס אין מיינע ברוסט פֿערזיעגעלט.

מאַרטאַ.

אונד בעפֿרייע איך זי ניכֿט, זאָ ווירד מיך יענער אין אונגליק שטירצען.

קלעמאַנס.

זאָל נאָר רחל מיינע זיין, אונד איך פֿערבירגע מיך דאָס אויך יענע ווירד פֿערשווייגען.

מאַרטאַ.

גוט! איך ברינגע זי אַ הער מעגליך אז נאָך די אַלע מאַטערנישען, וואָס זי האָט פֿון מיר געליטען, וועט זי זיך פֿיליייכֿט ענטשליסען אייערע צו ווערען (אב) (קומט גלייך מיט רחל׳ן).

רחל.

וואוהין פֿיהרט איהר מיך? פֿיהרט מיך ליעבער צום טוידט, אונמענש! וואָס האָט איהר צו מיר? וואָרום קוועלט איהר מיך אַזוי אונבארמהערציג?

מאַרטאַ.

שטיל, דו פערפלוכטע יודין, מיט ריטער און קנאַטען וועל איך דיין זעעלע ליינטען.

רחל.

שלאָג מיך, מערדער! שלאָג מיך ביז צום טוידט! אָבער איך פער־אַכטע דיך!

מאַרטאַ.

איך וועל דיך לערנען רעספעקט.

קלעמאַנס.

האָט מיט־לייד איף איהר! זי איז דאָך נאָך א קינד! זי פער־שטעהט ניכט ווי גליקליך מען וויל זי מאַכען.

רחל. (דערזעהט קלעמאַנסען)

הא, דו ביסט עס דער פאַלשער און אונפערשעמטער בעטריגער?

קלעמענס.

דו זעהסט דאָך, איך וויל דיך רעטען!

רחל.

בעסער שטאַרבען איידער דורך דיר געראַטעט ווערדען. שלאָג מיך דו ניכטס־ווירדיגעס בעשעפעניש, שלאָג מיך טוידט.

קלעמאַנס.

דו ביסט יעצט צו אויפגערעגט, אָבער איך געבע דיר איניגע מינוטען צייט צום נאַכדענקען אָבער ניכט פערגעסען, דאָס עס האַנדעלט זיך וועגען דיין לעבען. פערגעס אָבער ניכט, דיין לעבען איז דאַפיר אַם שפיעלע, קאָממען זי, מאַרטאַ, איך וועל זי אַ פּאָר מינוטען אַליין לאָזען אום זי זאָל די זאַכע זיך איבערלעגען, רענקע נאָך!

מאַרטאַ.

איך קאָממע זאָפאָרט דען ענטשלוס צו הערען (ביידע אב).

רחל.

נאַרישער טיראַן! גלויבסטו אַז די טאָלטער פון'ם פרומען רב אביגדור וועט זיך ענטשליסען איהר גליק צוקייפען דורך אונטריי צו איהר פאָלק און גלויבען אונד דו גלויבסט מיט געוואַלד אימשטאַנד צו זיין די פלאַמען פון דער ליעבע, וועלכע ברענט אין מיינעם הערצען צו מיינעם יעקב צו פערלעשען, און איך וועל מיך פערבינדען מיט אַזאַ טייפעל ווי דו ביסט, אָה ניין! מערדער וועסט עס ניט דערלעבען!

זינגט.

בּ״ס
נײַן אַ יודישע טאָכטער טהוט עס ניט
פֿאַלש ווערען איהר אמונה, נײַן
אל שדי מעכטיגער פֿון דער וועלט דער פּרעכטיגער
שיץ און היט אָב דעם יוד, ווײַל ער איז אַ גערעכטיגער
היט אָב די קינדער פֿון אברהם און פֿון יצחק

און מײַן תפילה מײַן געבעט נעהם צו דיר אַרויף, יאָ
איך בעט דיך, יאָ אל שדי — גאָטעניו
די יודען דערצעהלען אַמאָל האָסטו אין ארץ ישראל
געמאַכט שטאַרק, רײַך אין זײַן לאַנד אַ אָרט
אוי גאָטעניו, וואָס שווײַגסטו דאָרט?
המן ימח שמו לאַכט נאָר פֿון אונז יודען
און פֿון דיר גרויסער גאָט!
מען שלאָגט אונז און מיר פֿאַלען ווי שטרוי.
נאָר פֿון דיר השם אחד, וואַרט איך די גאולה
איך געה שוין, איך פֿיהל שוין די רפֿואה
פֿאַר מײַן פֿאָטער און מוטער די ישועה
פֿון דיר גאָט! פֿון דיר גאָט!
איך דאַנק דיר גאָט, השם אחד — !

קלעמאנס.

נו שענע רחל! האָסט דו זיך שוין די זאַך גוט בעקלערט איבערגעלייגט? ווילסטו ענדליך אײַנזעהן, דאָס דײַן גליק איז נאָר מיט מײַנע ליעבע פֿערבינדען?

רחל.

דיך ליעבען, אונמענש! און דו רעכענסט אַז אַ מענש מיט ריינען פֿערשטאַנד איז אים שטאַנד ליעב צו האָבען אַזא מלאך־המות?!. ביז מײַן לעצטען אויגענבליק וועל איך דיך האַסען און פֿעראַכטען, ליעבע דיך? נײַן! און 1000 מאָהל נײַן?

קלעמאַנס.

דײַן לעצטעס וואָרט?

רחל.

מײַן פֿעסטער ענטשלוס.

קלעמאַנס.

ווען דיעזעס זאָ איזט, זאָ ווירדעט איהר מײַנע קראַפֿט פֿערשפּירען

אלע קוואַלען פֿון דער העלע וועדדע איך דיר און דיינעם פֿאטער צו קאָמען לאַסען. (רופֿט אַריין פּאָליציי).

רחל.

וועה! מיין פֿאָטער, מיין אונגליקליכער פֿאָטער!

קלעמאַנס.

פֿיהרט זי אָב אין די קאַלטע קאַמער צו איהר פֿאָטער.

רחל.

צו מיינעם פֿאַטער? איך דאַנק אייך, שנעל פֿיהרט מיך צו איהם (אלע אב).

פֶּערְוַואנְדְלוּנְג.

(פֿאָלטער-קאַמער, פֿערשידענע מאַרטיר-אינסטרומענטען. טיעף א קעסעלע, פֿייער, רעכטס אַ מאַרטיר שטוהל.

קלעמאַנס.

ווי שרעקליך דאָ איז?

מאַרטא.

שרעקט אייך ניט, עקסעלענץ! עהרליכע לייט קענען אָהן פֿורכט דיזעס צימער בעטרעטען (עס ווערט אַריינגעפיהרט דער רב),

רב;

יהי שם!... גרויסער גאָט ווי בין איך?

קלעמנאַס.

שטיל דו, קעטצער! דו וואַגסט גאָטעס נאַמען, צו ערמאַנען? אונגלויבליכער יודע! האַסט דו דען איינען.

רב.

מיין גאָט איז דער, וואָס בעשיצט זיינע קינדער פֿון בעטריגער אונד פֿערפֿאָלגער.

קלעמאַנס.

איין אויגענבליק, איך וועל מיט דעם אַלטען איין וואָרטע שפּרעכען (געהט צום רב).

רב. (בעמערקט)

האַ?—זעה איך ריכטיג? דו ביזט עס טייפֿעל אין מענשען געשטאַלט, דיין נאָמען איז שלום, אָבער אין שלום אמר ד׳ לרשעים.

קלעמאַנס.

רבי! זי בעגרייפֿען יעצט גוט איהרע יעצטיגע לאַגע, אָבער איהר קאָנט געהאָלפֿען ווערען, ווען זי מיינען וואונש ערפֿילען.

רב.

וואָס פֿערלאַנגסטו?

קלעמאַנס.

איך ליעב אייער טאָכטער, און ווירד זי מיינע פֿרוי, דאַן זינד איהר ביידע גערעטעט!

רב.

וואו איז זי? ווי איז מיין רחלע?

קלעמאַנס.

פֿערשפריכט איהר מיט איהר צו רעדען דאַריבער, אונד איך לאַסע זיי היער ברענגען, וואָלען זי?

רב.

יאַ ווי איז זי? (זי ווערט אַריינגעפֿיהרט).

קלעמאַנס.

עס האָט געווירקט מיין ברענגען דאָס טערכען.

רחל.

מיין גאָט! ווי בין איך?...

רב.

מיין קינד! מיין טאָכטער!

רחל.

מיין פֿאַטער (וויל צו איהם)!

מאַרטאַ.

האַלט! זאָלכעס פֿערגעניגען איזט איך ניט ערלויבט.

קלעמאַנס.

לאַסע צו מאַרטאַ.

רחל.

ווי שלעכט דו זעהסט אויס, ליעבער גוטער פֿאַטער!

קלעמאַנס.

עראינערען זי זיך אין איהרעם פֿערשפרעכען?

רב.

יאָ טאָכטער מיינע! אָבוואָהל איך קען דיך גוט, איך צווייפֿעל גאָר ניט אַז דו ביסט אַזוי עהרליך ווי דיין פֿאַטער, דאָך געפֿין איך עס פֿאַר נעהטיג דיך נאָך אַמאָל צו וואָהרענען, דו זאָלסט קיין שריט ניט וואַגען פֿון דיין רעליגיאָן!

רחל.

פֿאַטער! קיין זאַך אין דער וועלט איז ניט אימשטאַנדע צו בעוועגען מיין גאָט צו פֿערלאָזען, קיינער איז ניט אימשטאַנד מיך צו בעוועגען מיין תורה, פֿאַר אַ שורקע צו פֿערטוישען. מיין יעקב צו פֿערבייטען

אויף אַזאַ מערדער, אויף אַזאַ אויסוואָרף דער נאַטור!

קלעמאַנס.

זאָ זאָלט איהר מיך ערשט יעצט קענען לערנען! זיין דו קעטצער אויף דען בראַנד שטול (וויל זיי ערגרייפען).

(יעקב, אָסיף און קעניג קומען פערקליידעט אַלס מאָנאַכען).

יעקב.

אין נאַמען פון אונזער אַלגנעדיגען קעניג פערוועהר איך דיעזע לייט עטוואַס שלעכטס צו טהון!

קלעמאַנס.

ווער ביסט דו?

יעקב.

איין איינפאַכער יודע (דעמאַסקירט).

רחל.

מיין טהייערער יעקב (אונמאַכט),

קלעמאַנס.

אַכטעט נישט אויף די ווארטע דעם יודען, איך מיניסטער בעפעהלע אַלע דריי אויף די בראַנדשטולען צו זעצען.

אָסיף.

צוריק אונמענש! דו ביסט קראַפטלאָז אונד דיינע בעפעהלע זינד ניט מעהר גילטיג!

קלעמאַנס.

ווער ביסט דו?

אָסיף. (דעמאַסקירט)

איין זעהר בעקאַנטער פערזאָן.

קלעמאַנס.

מיין פאַטער—שקלאַפע! ווי קאָמסטו אַ הער? פערברענען איך איהם?

קעניג.

ניכט וואַגען! (טריט אויף).

קלעמאַנס.

אונד דו ווער ביסט? (דער קעניג דעמאַסקירט זיך).

קעניג.

דיין קעניג. (קלעמאַנס ערשראָקען). פּאָזיציאָן.

(פאָרהאַנג).

פִינְפְטֶער אַקְט.

(קֶענִיגלִיכֶע זאַאל).

קֶענִיג.

יעֶצט ווערדע איך, ווי איינסט דער קֶענִיג אחשורוש געטהון האָט, אויפהעֶנגען דיעזען 2-טען המן. זייט אונבעזאָרגט, רבי, פאַר איהרע לייַדען ווערדען זי דאָפּפּעלטע פרייַדע געניעסען (צו אָסיפּ) דיר אַלטער, דריק איך מייַן אינערליכסטען דאַנק אויס דאַפיר דען דו וואַרסט דער איינציגער, דער מיך אויף דעם גראַדע וועג פיהרט, די וואַהרע פער־ברעכער אויספינדונג צומאַכען דו האָסט צו פיעל דער גערעכטיגקייט געאָפּפערט, דער פאָטער האָט זעלבסט זייַנען זאָהן די גערעכטיגקייט איבערליפערט, זאַגע וואָמיט זאָל איך דיך בעלאָהנען?

אָסיפּ.

ערפיעלע מייַנען וואונש! מאַיעסטעט! ווען דו מיך בעלאָהנען ווילסט מאַך מיך גליקליך!

קעניג.

וואָס פערלאַנגסטו?

אָסיפּ.

שטערבען אין דער רעליגיאָן אין דער איך צור וועלט קאָם, ערלויבע מיר וויעדער זיך צום יודענטום צו בעקעהרען, אונד דאָס ווירד מייַנע לעצטע טאַגע פערצעהרען.

קֶענִיג.

ווען נאָר דער רבי ניט דאַגעגען זייַן ווירד.

רבי.

דו ביזט א חוזר בתשובה און מיר נעהמען דיך ברידערליך אויף צוריק צו אונז.

אָסיפּ.

איך דאַנק אייַך. אַצונד קען איך רוהיג שטערבען איך בין א יוד (אָב).

פּאַזש. (קומט)

דער קאָמישער הערשער איז אין פאָרזאַאלע, מאַיעסטעט.

קֶענִיג.

איך וויל איהם זעהן, ער האָט מיך זעהר גוט אַמוזירט!

שׂאול. (פּאַזש וואַרפט איהם אריין)

מען זאָל איהם די מיטוט אויפהעֶנגען, אַזוי וויל איך, סטעפאַן דער קעניג פון פוילען, אָה תליון! דו ביסט איך דאָ, טאַקע גוט וואָס איך האָב דיך דאָ געטראָפען, נעהם זיי מוחל אין הענג איהם אויף!

קעניג.

ווארום דען?

שואל.

פאר וואס, פרעגסטו? א חוצפה פון א יונגאטש! האט מיך גאר מיט געוואלד א הער געשלעפט, העגג איהם אויף! זאג איך! אזוי וויל איך (זעהט שיינדעלען)) זעהט נאר, די מענשען האב איך דאך געזעהן אין חלום! ווער זענט איהר? און וואס טהוט איהר דא?

שיינדעלע.

שואליק! האסט מיך ניט דערקענט? דיין כלה שיינדעלע?

שואל.

שטיל דו עזות'ניצע! דו ביסט ניט מיין כלה. איך האב אפרוי, אווייב זאל לעבען און געזונד זיין, אווייב מיט'ן פולען מויל, א מחיה'דיגע גוי'ע! זאל איך האבען אזא מזל (קעניגען קומט) אט געהט זי אויפ'ן אמת (צו דער קעניגען) קום אהער ברײנע.

קעניגען.

רעספעקט!

שואל.

פרעספעקט! וואס=זשע? א פנים ברײנדעלע דו דערקענסט מיך שוין ניט? נעבאטען ביסטו דאך געשטארבען פאר מיינע פיאטעס: (אלע לאכען) וואס איז פאר אלאכעניש? ברײנע? אז דו ווייסט מיך ניט איבערבעטען פאר דעם גאנצען עולם, ווער איך א חתן פאר אנ'אנדערע; וואס=זשע א פנים איהר גלויבט מיר ניט, נו וועל איך שוין ווײזען אז מיט שואליקען טרײבט מען ניט קיין קאטאוועס ש... שיינדעלע! איהר אויף צופיקעניש האב איך דיך ליעב!

שיינדעלע.

ווען! דו אונפערשעמטער!

שואל.

אט האסטו דיר! דא בין איך געבליעבען מיצקעדרינען... א תכלית געמאכט פון ביידע כלות.

קעניגען.

רבי! ערקלערען זיי איהם וואס מיט איהם פאסירט!

רב.

גענוג שואליק. דיך נאריש מאכען! פערשטעהסט דען ניט, אז מען האט דיך נאר צום שפאס פאר אקעניג געמאכט?

שואל.

וואס מיר שפאס, ווער מיר שפאס, איהר ווילט מיר אײנרעדען אז איך בין ניט דער מלך פון פוילען!